№ 27 ...wa opłacona ryczałtem. • עלפטער יאָהרגאַנג. • פּרייז 20 גראָשען. • „CZENSTUCHOWER CAJTUNG".

...teka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

טשענסטאָכאָווער צייטונג

ערשיינט יעדען פרייטאָג.
רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:
ערשטע אַלעע 6. — טעלעפאָן 201.

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

Piątek, d. 1 lipca 1932. | ליכט-צינדען 7.44 | פרייטאָג, פ׳ שלח כ״ז סיון תרצ״ב.

צו דער פערלאָבונג פון ה׳ **דוד טרעמבאַצקי** מיט פרל. **סטעפאַ יאַקובאָוויטש** ווינשט מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט די עלטערן פיעל נחת
וואָלף קרייצבערג און פרוי.

א הארציגען מזל-טוב אונזער פריינד דעם ה׳ **אברהם שיין** און **פרוי** צו דער חתונה פון זייער טאָכטער **העלאַ** מיט ה׳ **סאַלאָמאָן קעלבערמאַן** אויס וולאָצלאַוועק. דעם יונגען פּאָר—א בליהענדע צוקונפט
יחזקאל קאַפּינסקי און פרוי.

אונזערע שכנים—דעם ה׳ **מאיר שצעקאַץ** און **פרוי** ווינשען מיר א הארציגען מזל-טוב צו דער חתונה פון זייער טאָכטער **פריידע** מיט ה׳ **פישל איצקאָוויטש** פון בריסעל. דעם יונגען פּאָר פיעל גליק און צופרידענהייט.
יחזקאל קאַפּינסקי און פרוי.

Dr. MED.
Juljan Lipiński
POWRÓCIŁ.

וויכטיג פאַר סוחרים און פאַבריקאַנטען

דערמיט מאַכען מיר בעקאַנט, אַז פון 1 ד. י. האָבען מיר אויסער ביז היינט טשענסטאָכאָוו—לאָדז, אויך איינגעפיהרט

א לאַסט-אויטאָ-קאָמוניקאַציע טשענסטאָכאָוו-וואַרשאַ און צוריק

מיר נעמען אָן לאַדונגען פון דעם קלענסטען קוואַנטום און אויף זעהר גוטע בעדינגונגען.
אדרעסע:
Warszawa, I, Przedborski, Nalewki 18, Tel. 11,65,77 Gęsia 6, Tel. 11,71,04.
Łódź „Orbis", Zachodnia 47, Tel. 245-63.
Częstochowa, Aleja 9, Tel 3-20.
אינהאַבער: **ש. ריינגאָלד** און **ח. וויינשטאָק.**

צענטראַלער קליינהענדלער-פערבאַנד אין פוילען
וואַרשאַ, ד״ר זאַמענהאָף-גאַס 5.

קאָמוניקאַט.

דערמיט מעלדען מיר, אַז אין הסכם מיט׳ן בעשלוס פון צענטראַל-קאָמיטעט, האָט דער עקזעקוטיוו פון צענטראַלען קליינהענדלער - פערבאַנד אין פוילען אויפ׳ן סמך פון זיין סטאַטוט געעפענט דעם 25 מאי ד. י. אַן אָבטיילונג אין טשענסטאָכאָוו, וועלכע געפונט זיך אויף אַלעע 8.

גלייכצייטיג האָט דער עגזעקוטיוו בעשלאָסען צונויפצורופען אין משך פון חודש יולי ה. י. אַן אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון אַלע רעגיסטרירטע מיטגלידער-קליינהענדלער אין דער אויבענדערמאַנטער אָבטיילונג ביי דער אַנוועזענהייט פון א פאַרשטעהער פון דער צענטראַלע. דערביי דאַרף די רעגיסטראַציע פון די מיטגלידער, וואָס איז שוין פאַקטיש אָנגעהויבען געוואָרען דורך דער אָבטיילונג אין הסכם מיט׳ן סטאַטוט פון דער צענטראַלע געשלאָסען ווערען 14 טעג פאַר דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג.

עקזעקוטיוו
פון צענטר. קליינהענדלער-פערבאַנד אין פוילען.
וואַרשאַ, דעם 24 יוני 1932.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם קאָמוניקאַט פון צענטראַלען קליינהענדלער-פערבאַנד אין פוילען, שטעלען מיר פעסט דעם טערמין פון דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג אויף דעם 31-טען יולי ד. י.

דעריבער דאַרפען זיך אַלע קליינהענדלער איינשרייבען אַלס מיטגלידער אין אונזער אָבטיילונג ביז דעם 15-טען ד. ח. נאָך דעם טערמין ווערט די ליסטע זיין געשלאָסען.

צענטראַלער קליינהענדלער-פערבאַנד
אין פוילען, אָבט. אין טשענסטאָכאָוו.

די אַלע, וועלכע האָבען אונז ארויסגעוויזען מיטגעפיהל, ווי אויך אַלע פריינד און בעקאַנטע, וואָס האָבען אָבגעגעבען דעם לעצטען כבוד און אַנטייל גענומען אין דער לויה פון אונזער אונפערגעסליכער **טאָכטער** און **שוועסטער**
נ״ע **עלקאַ באום**
דריקען אויס דעם הערצליכסטען דאַנק די אין טיעפען טרויער פערבליבענע
מוטער, שוועסטער און ברידער.

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר דיר אונזער ליעבע טאָכטער **דאָראַ ראָטענשטיין** צו דיין פערלאָבונג מיט ה׳ **לעאָן וונוק** אייער לעבענס-וועג זאָל שטענדיג גליקליך און צופרידען זיין.
עלטערן ראָטענשטיין.

א הערצליכען מזל - טוב ווינש איך דיר מיין ליעבער ברודער **הערשיל** צו דער פערלאָבונג פון דיין טאָכטער **דאָראַ** מיט ה׳ **לעאָן וונוק.** דעם יונגען פּאָר פיעל גליק, זאָל אייער לעבענס-וועג מיט הערליכע זונען-שיינען בעשטראַהלט זיין.
עמנואל ראָטענשטיין, פרוי און קינדער.

צו דער פערלאָבונג פון פריינדין פרל.
דאָראַ ראָטענשטיין מיט ה׳ **לעאָן וונוק** ווינשען א גליקליכע צוקונפט **פאַמיליע מאַלץ.**

Z intencji zaręczyn
p. DORY ROTENSZTAJN z p LEONEM WNUKIEM
życzą szczęścia A. BORZYKOWSCY.

א הארציגען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער קריין **אברהם שיין** און **פרוי** צו דער חתונה פון זייער טאָכטער **העלאַ** מיט ה׳ **סאַלאָמאָן קעלבערמאַן** דעם יונגען פּאָר ווינשען מיר א גליקליכעס צוזאַמענלעבען.
זיסמאַן קרויזע און פאַמיליע.

צו דער חתונה פון אונזער שעף ה׳ **סאַלאָמאָן קעלבערמאַן** מיט פרל. **העלאַ שיין** ווינשען מיר א הארציגען מזל-טוב, זאָל אייער לעבענס-וועג זיין בעשטראַהלט מיט די הערליכע זונען שיינען.
דאָס פערסאָנאַל פון דער פירמע **קעלבערמאַן.**

א הארציגען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער פריינד און מיטגליעד **חיים זיידמאַן** צו זיין חתונה מיט פרל. **רחל גרושקאַ** פון קאָניעצפּאָל.
מ. שעהר, א. דזיאַלאָווסקי, ח. ווינהאָלץ.

דאַנקזאַגונג.

דער פּאָהן - קאָמיטעט ביים יודישע בעקער - צעך דאַנקען הערצליך די פרוי **גאָלדבערג** און **ליבטשע ווינדמאַן,** פאַר זייער טיכטיגע אויספיהרען די ארבייט צום באַנקעט, ווי אויך דאַנקען מיר די פריילײנס: **אופנער, שטאָס, פייערטאָג** און **באָרענשטיין.**

א חברישען דאַנק דריקען מיר אויס דעם סעקרעטאַריאַט, די חברים: **זאַרסקי** און **ווינער** פאַר זייער טיכטיגע אויספיהרען די שריפטליכע ארבייט.

בעזונדער דאַנקען מיר אַלע חשובע געסט, פאַר זייער אַנטייל נעמען אין אונזער פּאָהן-פייערונג.

דער פּאָהן-קאָמיטעט.

Złoty medal na wystawie w Katowicach 1927 r.
Przedstawiciel na Okręg Częstochowski:
I. Lewkowicz, Częstochowa, Narutowicza 19.

STEFA JAKUBOWICZÓWNA DAWID TREMBACKI
ZARĘCZENI
Sosnowiec | w czerwcu 1932 r. | Częstochowa

צו דער חתונה פון אונזער ליעבען זוהן **דוד טרעמבאַצקי** מיט פרל. **שיינדעלע יאַקובאָוויטש** אונזערע הארציגסטע ברכות **די עלטערן.**

א הארציגען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער עלטסטען ברודער **דוד** צו זיין תנאים מיט זיין אויסדערוועהלטער פרל. **סטעפאַ יאַקובאָוויטש** פון סאָסנאָוויץ. זאָל זייער לעבענסוועג זיין א גליקליכער און א בליהענדע צוקונפט
געברידער טרעמבאַצקי.

מזל-טוב און פיעל נחת ווינשען מיר אונזערע פריינד **יצחק** און **חנה טרעמבאַצקי** צו דער תנאים פון זייער זוהן **דוד** מיט פרל. **סטעפאַ יאַקובאָוויטש** דעם יונגען פּאָר א בליהענדע צוקונפט
יעקב לאַנגנער, דוד מיסקע און פאַמיליע כאַראַן.

Z intencji zaręczyn
p. Dawida Trębackiego z p. Stefą Jakubowiczówną z Sosnowca
życzą dużo szczęścia i różowej przyszłości na nowej drodze ich życia.
PERSONEL FIRMY I. Trembacki.

צו דער פערלאָבונג פון מיין פריינד **דוד טרעמבאַצקי** מיט פרל. **סטעפאַ יאַקובאָוויטש** פון סאָסנאָוויץ ווינשט מזל-טוב **אברהם וואָלבערג.**

צו דער תנאים פון ה׳ **דוד טרעמבאַצקי** מיט פרל. **סטעפאַ יאַקובאָוויטש** אונזער הארציגסטען מזל-טוב. די עלטערן ווינשען מיר פיעל נחת.
זיסמאַן קרויזע און פרוי.

א הארציגען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער פריינד **דוד טרעמבאַצקי** צו זיין תנאים מיט פרל. **סטעפאַ יאַקובאָוויטש** זאָל זייער לעבענס-וועג זיין א בליהענדער.
יוסל גאָלדבערג און פרוי.

געדענקט די אדרעס: פילסודסקי 7.

פערקויף פון באַהן - בילעטען אין לאַנד און אויסלאַנד
אין דער פיליע פון
Polskie Biuro Podróży „ORBIS"
מאַכט בעקאַנט דאָס ג׳ פובל. דאָס פון **היינט אַן, ד. 1 ליפּיעץ**
איז דאָס ביוראָ פון בילעטען-פערקויף איבערטראָגען געוואָרען
פון 1-טע אַלעע 11 אויף **פּילסודסקי № 7**
בעמערקונג: דער פּרייז פון בילעטען אין אַלע ריכטונגען זענען די זעלבע ווי אין די באַהן-קאַסעס.

געדענקט די אדרעס: פילסודסקי 7.

Szkoła Rzemieślniczo - Przemysłowa dla Żydów
w Częstochowie, Garncarska 8
zawiadamia, że przyjmuje zapisy z dniem 15 maja do oddziałów ślusarsko-mech., stolarskiego i elektrotechn.
Zgłoszenia przyjmuje kancelarja w godz. od 9-ej do 2-ej.

אונזער מיטאַרבייטער
ה׳ **פלטיאל קאַרטוז** און **פאַמיליע**
אינניגסטע מיטגעפיהל-אויסדרוקען צום טויט פון זיין מוטער
יענטע נ״ע.
טשענסטאָכאָווער ליכט-פאַבריק „זניטש"
ש. פייגע און זיהן.

Wyrazy szczerego współczucia koledze naszemu
PALTIELOWI KARTUZOWI
z powodu przedwczesnego zgonu MATKI JEGO
b. p. JENTY.
Personel Fabr. Świec „Znicz" Sz. Fajge i S-wie.

נאטיצען.

מיטעלאלטער.

עס וואלט ביי קיין פאל נישט געקענט קומען אויפ'ן געדאנק, עס וואלט זיך קיינמאל נישט פארגעשטעלט, אז דער שאוויניסטישער אנטיסעמיטיזם זאל דערגרייכען אזוי ווייט, זאל אננעמען אזא פארם און זאל דערפיהרען זיינע פרעדיגער ביז צו משוגעת.

ווען מיר פלעגען בלעטערן אונזער בלוטיגע געשיכטע, און צו קומען צו די שווארצע אין יודיש בלוט געטינקטע בלעטער האבען מיר געטראכט, אמת דער אנטיסעמיטיזם הערשט ווייטער, די „שנאת עולם לעם עולם" וועט נישט אויפהערען אזוי לאנג ווי יודען וועלען זיך געפונען אין גלות, דאס פרעדיגען יושר און ברודערליכקייט, איז ווערט א אויסגעבלאזען איי, אונזער קאמף פאר פולשטענדיגער גלייכבערעכטיגונג איז ליידער נאך זעהר ווייט פון ערפאלג, אבער פארט זענען אזעלכע בלוטיגע געשעהענישען, זאכען פון דער פערגאנגענהייט, פון מיטעלאלטער, די קולטור און ציוויליזאציע פון די לעצטע הונדערטער יאהרען האט דאך פארט אויף אזוי פיעל ציוויליזירט די פעלקער, אז די אמאליגע מיטעלאלטערישע ווילדע מעשים זאלען זיך נישט ווידערהאלען.

ערשט לעצטענס האט שפאניען, דאס לאנד פון יודישע גירושים און רדיפות, אראבגעריסען פון זיך דעם שאנד-פלעק. דאס שפאנישע פאלק האט אנערקענט אז זייערע אור-עלטערן זענען בעגאנגען א שרעקליכען שאנד-טהאט געגען דעם יודישען פאלק, און צוזאמען מיט דעם אויך א פערברעכען געגען זייער אייגען לאנד, ווייל דאס ארויסטרייבען די יודען, דאס קאנפיסקירען זייער פערמעגען האט פעראָרימט שפאניען, און פון איהר אמאליגער גרויסער מאכט איז זי אוועקגעשטעלט געווארען אין א נידריגער מדרגה פון די וועלט-פעלקער.

אין דייטשלאנד, יא אין דעם קולטור-לאנד דייטשלאנד זענען טאקי אויך אמאל פארגעקומען נגישות און רדיפות אויף יודען, אבער דאס איז דאך געווען אין די ווילדע צייטען, ווען דאס פאלק איז נאכנישט געווען קולטיווירט, ווען די מאסע איז נאך געווען בלינד אין איהר פאנאטיזם, און די היינטיגע דייטשען — האבען מיר זיך געטראכט - שעהמען זיך געוויס ווען זיי לעזען אין זייער געשיכטע די דאזיגע טרויעריגע געשעהענישען, און זיי וואלטען געוויס געוואלט די דאזיגע בלעטער ארויסרייסען, אויסמעקען די שאנדטאטען פון זייערע פארגעגנער.

און דא קומט פאר טאקי אין דעם זעלבען רייטשלאנד דאס וואס מיר האבען נישט געקענט ערווארטען זאגאר פון דעם ווילדעסטען פאלק אין דער וועלט. דער פרייסישער לאנדסטאג (פארלאמענט) נעמט אן א בעשלוס צו קאנפיסקירען דאס פערמעגען פון א גרויסען טייל יודען, ס'הייסט כלומרשט די וואס זענען אריינגעקומען אין לאנד נאכ'ן אויסברוך פון דעם וועלט-קריעג, וועלכע זענען „פרעמדע" נישט קיין דייטשע בירגער.

אזוי איז דאס געווען אויך אין מיטעלאלטער, פונקט אזוי איז דאס פארגעקומען אין פיעל לענדער, וואו די יודען זענען פעררעכענט געווארען אלס פרעמדע, טראץ דעם וואס זיי האבען דארט געוואוינט פיעל יאהרען, איז זייער בלוט אלץ געווען הפקר, און זייער פערמעגען וואס זיי האבען זיך ערווארבען מיט דער געהעריגער ענערגיע און פלייסיגער ארבייט, האבען די דאמאלסדיגע רעגירונגען קאנפיסקירט.

און עס איז נישט קיין וואונדער אז דער דאזיגער בעשלוס פון פרייסישען לאנדסטאג האט ארויסגערופען די גרעסטע פערביטערונג צווישען די יודען פון גאר דער וועלט, ווארים כמעט אין אלע לענדער האבען יעצט די אנטיסעמיטען אויפגעהויבען די קעפ, און אנגעהויבען צו זיין „טעטיג", איז אויב אין דייטשלאנד קענען נאך אזעלכע בעשלוסען אנגענומען ווערען אפיציעל דורך א פאלקס - פערטרעטונג, קענען זיך דאך געפונען שאוויניסטען אין אנדערע קלענערע לענדער, וועלכע האבען נישט הינטער זיך אזא קולטור, ווי דאס דייטשע פאלק, וואס זאלען מעגליך געהן נאך ווייטער ווי די פרייסען אין זייערע אויסראטונגס-פלאנען געגען יודען.

און דאריבער איז דאס יודישע פאלק צו אלע זיינע ריכטונגען ארויס מיט א שארפען פראטעסט געגען דעם דאזיגען שאנדטהאט פון פרייסישען לאנדסטאג. די ווארשאווער קהלה האט ארויסגעטראגען א איינהייטליכען פראטעסט געגען דעם דאזיגען שענדליכען בעשלוס, און עס ווערען ארגאניזירט פראטעסטען אויך אין די גרעסטע יודישע קהלות נישט בלויז אין פוילען (ווייל דער דאזיגער בעשלוס איז נוגע אממעהרסטען פוילישע יודען וואס געפונען זיך אין דייטשלאנד) נאר זאגאר אין אנדערע איירא-פעאישע לענדער,

מיר ווייסען, אז דער בעשלוס פון פרייסישען לאנדסטאג האט נישט קיין שום פראקטישע בעדייטונג, ווארום קודם-כל וועט דאס די דייטשע צענטראל-רעגירונג נישט בעשטעטיגען, ווייל פארט געפונען זיך אין דער דייטשער רעגירונג נאך מענשען מיט א קלארען חוש, וועלכע וועלען נישט לאזען אריינפיהרען זייער לאנד אין א וועלט-סקאנדאל און בעזונדער קען אונז פול-שטענדיג בעניגען די בערוהיגונג פון דער פוילישער רעגירונג, וועלכע וועט געגען דעם בעשלוס רעאגירען מיט א פיעל שטארקער מיטעל ווען עס זאל ווערען א געזעץ, ווייל אין אזא פאל וועט די פוילישע רעגירונג קאנפיסקירען אלע פערמעגענס פון די דייטשע בירגער, וואס געפונען זיך אין פוילען, וועלכע זענען גאנץ בעדייטענדע און בעטרעפען פיעל מעהר ווי די פערמעגענס פון די פוילישע יודען אין דייטשלאנד.

אבער בלויז דאס אננעמען אזא שענדליכען בעשלוס דורך א אפיציעלען ארגאן, דורך א פאלקס-פערטרעטונג איז געוויס נישט קיין קלענערער שאנד-פלעק, ווי די אלע אמאליגע שענדליכע מעשים געגען יודען אין דער צייט פון מיטעלאלטער.

י. פ.

די וואך.

די לאזאנער קאנפערענץ.

די פאליטישע אונטערהאנדלונגען פון די גרעסטע וועלט-פאליטיקער וואס האבען זיך פערזאמעלט אין לאזאן ווערען ווייטער פארטגעזעצט. יעדער טאג און יעדע שעה ברענגט מיט זיך נייע סיורפריזען. עס קומען צום אויסדרוק די קאפריעזען פון געוויסע מלוכות, איבערהויפט פון דייטשלאנד. דער הויפט פאקט פון דער קאנפערענץ איז דאס אונטערהאנדלען פון די דייטשע און פראנצויזישע פארשטעהער וועגען די מלחמה ענטשעדיגונגס - חובות, וואס דייטשלאנד דארף צאהלען פראנקרייך. און עס איז שוועהר פאראויסצוזאגען אויב די דאזיגע קאנפערענץ וועט ברענגען וועלכע ס'איז פאזיטיווע רעזולטאטען.

אין דייטשלאנד.

דאס לאנד וואס איז לעצטענס געווען דער שוי-פלאץ פון די פערשידענסטע אונמעגליכע געשעהענישען ליפערט אונז ווייטער סענסאציאנעלע ידיעות, איצט רעדט מען קלארער וועגען א מאנארכיסטישער איבערקעהרעניש וואס זאל דארט פארקומען, בעת וועלכער די האהענצאלערן - מאנארכיע זאל צוריקגעשטעלט ווערען אין דייטשלאנד, און דעם טראהן זאל פערנעהמען דער געוועזענער קרוינפרינץ אדער איינער פון ווילהעלמ'ס אייניקלעך.

דערווייל ווערט אין דייטשלאנד געפיהרט א שטארקע אגיטאציע פאר די רייכסטאג-וואהלען וואס וועלען בקרוב פארקומען. אויך די יודען שטעהן אויף דער וואך און פיהרען די נויטיגע אגיטאציע פאר'ן גינסטען פון די יודישע אינטערעסען אין דייטשלאנד.

גאלד-זאמד אין פוילען.

אין פאלעסיע איז אין די גיטער פון דעם גוט-בעזיצער אשענסקי געפונען געווארען טיעף אין דער ערד א געוויסער זאמד, וועלכער האט אויף זיך געצויגען די אויפמערקזאמקייט, ווייל ער האט אויסגעזעהען ווי גאלד-זאמד. איבער דעם זאמד איז געווארען אדורכגעפיהרט די געהעריגע פארשונג אין פעטראגראפישען אינסטיטוט אין לעמבערג, און ס'איז פעסטגעשטעלט געווארען אז דער זאמד ענטהאלט א בעדייטענדע צאהל גאלד. דער דאזיגער זאמד געפונט זיך דארט אין א גרויסער צאהל ברייטע שיכטען.

דאס תל-אביב'ער געריכט.

פון תל-אביב ווערט מיטגעטיילט, אז דארט האט ארויסגערופען א גרויסע אויפרעגונג די ידיעה אז די ארץ-ישראל רעגירונג האט בדעה אבצושאפען דאס תל-אביב'ער פרידענס-געריכט און עס איבערטראגען קיין יפו. דאס דאזיגע געריכט עקזיסטירט אין תל-אביב זינט דעם יאהר 1925 און ברענגט א יעהרליכע הכנסה פון 12 פונט. גלייכצייטיג מיט'ן געריכט זאל אויך איבערטראגען ווערען קיין יפו דער אמט פון עפענטליכען נאטאריאט און די יודישע בעפעלקערונג זעהט אין דעם א כונה פון דער רעגירונג צו פערקלענערן די בעדייטונג פון תל-אביב.

עס איז דאריבער פארגעקומען אין תל-אביב א גרויסע פאלקס-פערזאמלונג מיט'ן אנטייל פון פארשטעהער פון דער האנדעלס-קאמער, אדוואקאטען און פון באנק-וועזען אונטער'ן פארזיץ פון בירגערמייסטער ה' דיזענהאף און די פערזאמלונג האט אנגענומען א פראטעסט-רעזאלוציע אין וועלכער ס'ווערט געזאגט אז דאס יודישע תל-אביב וועט קיינמאל נישט מסכים זיין, אז זיינע פראצעסען זאלען בעטראכט ווערען אין יפו.

די צאהל יודען אין פוילען.

צוליעב דעם וואס אין דער יודישער פרעסע פון ווארשא האבען זיך בעוויזען ידיעות וועגען די רעזולטאטען פון דער לעצטער פאלקס-צעהלונג און די צאהל יודען וואס געפונען זיך אין פוילען לויט וועלכער עס קומט אויס, אז אין פוילען וואוינען א האלב מיליאן יודען ווייניגער ווי אין דער ווירקליכקייט — טיילט מיט יט"א אז די דאזיגע ידיעה איז נישט ריכטיג, ווייל די רעזולטאטען פון דער פאלקס-צעהלונג לויט די בעזונדערע אמונות זענען גארנישט בעארבייט געווארען און מען קען נאך איצט נישט אננעמען קיין שום ציפערען וועגען א וועלכען ס'איז טייל פון דער בעפעלקערונג אין פוילען.

שטייערן צאהלבאר אין יולי.

אין חודש יולי זענען פעליג פאלגענדע שטייערן:

ביז דעם 7 יולי — הכנסה - שטייער פון שכירות און רענטעס, וואס זענען אויסגעצאהלט געווארען דעם פויריגען חודש.

ביז דעם 15 יולי — דער מלוכה-שער שטייער פון אומזאץ וואס איז געמאכט געווארען אין יוני דורך האנדעלס-אונטערנעהמונגען פון 1 ביז 5 קאטעגאריע — פאר די וואס פיהרען ריכטיגע האנדעלס - ביכער, און פאר בעריכטס-אונטערנעהמונגען.

ביז דעם 15 יולי — די ערשטע קווארטעל-ראטע פון אינדוסטריע-שטייער פון אומזאץ פון 1932.

ביז'ן 15 יולי—די צווייטע ראטע ריטשאלט-שטייער פון אומזאץ.

ביז'ן 15 יולי — מלוכה'שער שטייער פון עלעקטרישער קראפט פאר דער צייט פון 16 ביז'ן 30 יוני.

ביז'ן 20 יולי — מלוכה'שער שטייער פון עלעקטרישער ענערגיע פאר דער צייט פון 1 ביז'ן 15 יולי.

חוץ מזה זענען אין דעם דאזיגען חודש צאהלבאר פערלעגענע און אויף ראטעס - פונאנדערגעלעגטע שטייערן מיט'ן צאהלונגס-טערמין אין יולי, אויף וועלכע די צאהלער'ס האבען בעקומען ענטשפרעכענדע „נאקאזען".

די ענטלאפענע. (14

ראמאן פון יודישען לעבען אין דייטשלאנד אין 18-טען יאהר-הונדערט.

פון י. איזאקזאהן.

(פארטזעצונג).

דאס איז א סוחר פון ווארשא—האט חנה'לעס מוטער איהר געענטפערט און ס'איז געווען צו מערקען אז זי האט בעזונדער בעטאנט דאס ווארט סוחר.

א סוחר זאגסטו, מאמעשי, האט חנה'לע איבערגעפרעגט, שיינט מיר אז נאך גאר א יונגערמאן?

נו יא, דו האסט אפשר געהערט פון אונזער גרויסען האנדעלס - פריינד דוד רייכמאן אין ווארשא, דאס איז זיין זוהן. דער פאטער איז קראנק געווארען און נישט געקענט קומען אויף דער מעסע, איז דער זוהן געקומען צו אונז ערלעדיגען דעם קויף וואס דער פאטער האט געמאכט.

חנה'לע האט געוואלט פרעגען די מוטער נאך ווייטערע איינצעלהייטען וועגען דעם דאזיגען שעהנעם יונגערמאן וואס האט זי עפיס שטארק פעראינטערעסירט. זי האט אבער בעמערקט ווי די מוטער איז זעהר צוריקגעהאלטען מיט ווערטער, און דאריבער האט זי מעהר נישט געפרעגט.

אדאלף רייכמאן איז אויך עפיס ווי פערבלענדעט געווארען אין ערשטען אויגענבליק טרעפענדיק חנה'לען אין קארידאר, פון איהר אויסערגעוועהנליכער שעהנהייט, ער האט נישט געוואוסט ווער זי איז, אבער ער האט פערשטאנען אז דאס איז א טאכטער אדער א זעהר נאהנטע צו דער פאמיליע, און בלייבענדיג דא עטליכע טעג, וועט ער זיך געוויס מיט איהר בעקענען, אדער זיי וועלען זי פאר איהם פארשטעלען.

ער איז אוועק אויף דער מעסע, וואו עס האט זיך געקאכט פון סוחרים און הענדלער, וועלכע זענען זיך צונויפגעקומען פון דער גאנצער וועלט. די אויסשטעלונג האט איהם זעהר פעראינטערעסירט, און ער האט בעטראכט פערשידענע ארטיקלען נישט פון זיין בראנזשע, מיט וועלכע ער האט גערעכענט צו מאכען געשעפטען ווילענדיג איבערצייגען זיין פאטער, אז ער איז נישט קיין בלויזער „בטלן" ווי דער פאטער פלעגט איהם רופען צוליעב דעם, וואס ער איז שטענדיג געזעסען איבער זיינע ביכער. עס האבען איהם ארומגערינגעלט א סך מעקלערס וועלכע האבען איהם פארגעשלאגען פערשידענע ארטיקלען נישט פון זיין בראנזשע, אבער אהן יעקב משה'ן האט ער גארנישט געוואלט קויפען, און יעקב משה אלס געניטער דורכגעטריבענער סוחר האט איהם געראטען נישט אנצוהויבען מיט קיין ארטיקלען אין וועלכע ער איז נישט בעקאנט ווי אזוי זיי זעהען אויס אין ווארשא, און זאל זיך בעסער האלטען ביי דעם, וואס זיין פאטער האט איהם געהייסען.

דער יונגער אדאלף רייכמאן איז געווען אזוי בעגייסטערט פון דער מעסע מיט איהרע פערשידענארטיגקייטען, מיט די פערשידענע מענשען וואס האבען זיך דארט צונויפגעטראפען און די נייעסטע ערפינדונגען וואס זענען אויסגעשטעלט געווארען, אז ער האט אינגאנצען פערגעסען אין דעם שעהנעם פרויען-געשטאלט וואס האט איהם מאמענטאל אזוי איבערנומען. ערשט געגען אוועגד ווען ער איז צוזאמען מיט יעקב משה'ן אהיימגעגאנגען פון דער מעסע, אין זיין וואוינונג, איז איהם געקומען אויפ'ן געדאנק, אז יעצט וועט ער געוויס האבען דאס געלעגענהייט צו דערוויסען זיך ווער זי איז.

קומענדיג צו יעקב משה'ן אין וואוינונג איז אדאלף אוועק אין זיין ספעציעלען צימער, וואו ער האט זיך ארומגעוואשען און געלעגט אברוהען פון דעם טומעל וואס הערשט אויף דער מעסע, אבער עס האט נישט לאנג געדויערט, ווי מען האט אנגעקלאפט אין זיין טיער, און אויף זיין אויסרוף: אריין איז אריינגעקומען דער דיענער, וועלכער האט צו איהם געזאגט:

דער הער ווערט געבעטען צום טיש, אלע ווארטען שוין דארט מיט'ן מיטאג.

מיטאג?—האט אדאלף איבערגעפרעגט—אזוי שפעט עסט מען מיטאג אין פראנקפורט?

יא, מיין הער, אזוי איז דאס, אין דער צייט פון דער מעסע וועלכע דויערט א גאנצען טאג, עסט מען מיטאג ערשט אין אוועגד.

יא, ריכטיג,—האט אדאלף געענטפערט—איך קום שוין.

דער דיענער איז ארויס און אדאלף האט זיך ווי ספעציעל צוגעגרייט צום אריינגעהן אין עס-צימער, זייענדיג זיכער, אז דארט וועט ער טרעפען דאס שעהנע פרייליין.

ווען ער איז אריין אין דער עס-שטוב זענען ביים געדעקטען טיש געזעסען יעקב משה, זיין פרוי און חנה'לע, יעקב משה האט זיך אויפגעשטעלט און פארגעשטעלט:

מיין פרוי קענט איהר שוין, אט איז מיין טאכטער חנה'לע. און צו איהר האט ער געזאגט: בעקען זיך מיט דעם הער אדאלף רייכמאן פון ווארשא, א זוהן פון אונזער בעסטען געשעפטס-פריינד ה' דוד רייכמאן

ביידע יונגע מענשען האבען זיך אנגעקוקט פון דער ווייטען און ביידע זענען זיי רויט געווארען, די מוטער האט דאס בעמערקט און געמאכט א טרויריגע מינע, אבער יעקב משה האט באלד געזאגט:

נו, לאמיר זיך וואשען ה' רייכמאן, עס איז שוין גענוג שפעט צו עסען מיטאג.

איך האב זיך ערשט אין מיין צימער ארומגעוואשען—האט אדאלף געענטפערט—איך בין געווען זעהר פערשטויבט פון דעם ארומגעהן איבער דער מעסע.

אבער צום עסען... האט יעקב משה ווי געשטאמעלט, דארף מען זיך ספעציעל וואשען „נטילת ידים".

איך וועל זיך אייך נישט געגענשטעלען אלס בעל-הבית—האט אדאלף געענטפערט—טראץ דעם וואס איך האב א גאנץ אנדערע אויפפאסונג וועגען דעם נטילת ידים וואס די חכמים האבען אונז געבאטען.

יעקב משה האט נישט געענטפערט, ער האט פערביסען די ליפען נישט וויליענדיג באלד אין ערשטען טאג פאלעמיזירען מיט זיין גאסט, אדאלף האט דאס בעמערקט און געזאגט:

איך גלויב אז עס וועט אונז נאך אויסקומען ר' יעקב משה, זיך אדורכצושמועסען וועגען די דאזיגע ענינים, וועגען וועלכע איך האב שטענדיג אינדערהיים ויכוחים מיט מיין פאטער.

נו יא, מיר וועלען דאס איבערלאזען אויף שבת—האט יעקב משה געענטפערט — אין וואכענטעג, איבערהויפט יעצט בעת דער מעסע בין איך אזוי פערנומען, אז עס טרעפען טעג, ווען איך קען זאגאר מיין נאכט-שיעור נישט לערנען, גאט זאל מיר דאס מוחל זיין.

ער וועט אייך געוויס מוחל זיין—האט אדאלף געענטפערט איראניש—ער איז דאך א גוטער גאט און ווייסט אז יודען דארפען פרנסה.

נישט עפיס גלאט פרנסה—האט יעקב משה צוגעגעבען—נאר די מעסע איז דאך פאר די פראנקפורטער יודען כמעט דער איינציגער הכנסה-קוואל פאר'ן גאנצען יאהר.

אלע האבען זיך אוועקגעזעצט צום טיש, חנה'לע וועלכע האט מיט גרעסטער אויפמערקזאמקייט צוגעהערט צום געשפרעך וואס איז פארגעקומען צווישען איהר פאטער און דעם גאסט, האט דעם לעצטען צוגעווארפען אזא בליק, אין וועלכען ס'האט זיך אויסגעדריקט איהר איינשטימונג צו זיינע מיינונגען און ער איז דערפון געווען איבערגליקליך.

שפרה, יעקב משה'ס פרוי האט מיט איהר מוטער-הארץ געפיהלט די געגענזייטיגע בליקען פון די יונגעלייט, דאגעגען יעקב משה האט אויף אזעלכע נארישקייטען קיין אכט נישט געלעגט, ער איז געווען צופיעל שטרענג און צו שטארק רעליגיעז אז ער זאל זיך רעכנען מיט זיין טאכטער, מעג זי זיין א איינציגע, אדער מיט די מיינונגען פון עפיס דארט א יונגען מענש, וואס האט זיך אנגעזאפט מיט אפיקורסות.

(פארטז. קומט).

דער קאמף מיט'ן אנטיסעמיטיזם.

פון דעפ. י. גרינבוים.

דער קאמף מיט'ן אנטיסעמיטיזם איז געוויס נישט קיין נייע זאך אינ'ם יודישען פאלקס-לעבען. ער איז געפיהרט געווארען אונאויפהערליך, בעזונדערס דורך אונזערע אנפיהרענדע אסימילאטארישע קרייזען אין מערב און מיטעל-אייראפא. צו דעם צוועק זענען געשאפען געווארען געזעלשאפטען, ארויסגעגעבען געווארען ווערק און צייטונגען. עס זענען געווען צייטען, ווען עס האט זיך געקאנט דוכטען, אז דער גאנצער אינהאלט פון יודישען לעבען דריקט זיך אויס פון דעם דאזיגען קאמף, אין דעם „אבווער" קעגען דעם אנטיסעמיטיזם, ווי עס הייסט אין דייטשלאנד.

אין וואס איז בעשטאנען דער דאזיגער קאמף? אין אויפקלערונג, אין פערשפרייטען ריכטיגע ידיעות וועגען יודען און יודענטום. דאס איז ווידער א פארמולע וואס איז געברויכט געווארען אין צארישען רוסלאנד, וואו מען האט אויך געשטעלט זיך אנ'אויפגאבע צו בעקעמפען דעם אנטיסעמימיזם. א גאנצע ליטעראטור איז בעשאפען געווארען אום צו בעווייזען, אז די אנטיסעמיטישע טענות און בעשולדיגונגען זענען פאלש און אונבעגרינדעט.

אזוי האט מען געגלויבט גאר לאנג, אזוי גלויבט מען נאך איצט אין די ברייטע קרייזען, בעזונדערס פון די אסימילירטע יודען. דער ציוניסטישער געדאנק האט דעם דאזיגען גלויבען פון אנהויב אן נישט געטיילט. ער האט נישט געלייקענט דעם נוצען פון דער אויפקלערונגס-ארבייט, אבער ער האט געזעהן, דעם מקור פון דעם אנטיסעמיטיזם אין דער אוננארמאלער לאגע פון די יודען אויף דער וועלט. ער האט דעריבער געפאדערט צו קאנצענטרירען די ענערגיע נישט אזוי אין דעם „אבווער" קעגען דעם אנטיסעמיטיזם ווי אין דער ראדיקאלער ענדערונג פונ'ם יודישען לעבען פון זיין נארמאליזירונג. אויך דער יודישער סאציאליזם האט געהאלטען, אז דער אנטיסעמיטיזם איז א רעזולטאט פון דער איצטיגער קאפיטאליסטישער ארדנונג און וועט פערשוואונדען צוזאמען מיט איהר. דער „אבווער"-קאמף איז געווארען אנ'ענין פאר אבגעשטאנענע אסימילירטע יודישע קרייזען, וואס האבען אין אנטיסעמיטיזם געזעהן א צייכען פון פינסטערניש, אבערגלויבען און אומוויסענהייט, וועלכע קאנען פערטריבען ווערען דורך בילדונג און אויפקלערונג אדער זיי האבען גאר איינגעשטימט מיט געוויסע אנטיסעמיטישע טענות, אז די יודען זענען נאך נישט אינגאנצען עהנליך צו די הערשענדע פעלקער און דעריבער מוזען זיי נאך מעהר אנשטרענגען די כחות, כדי מען זאל אין זיי נישט קאנען בעמערקען קיין שום אייגענשאפט, וואס זאל אונטערשיידען צווישען זיי און צווישען די הערשענדע פעלקער.

די לעצטע געשעהענישען אין מיטעל-אייראפא, די ענטוויקלונג פון דער נאציאנאל-סאציאליסטישער בעוועגונג אין דייטשלאנד, דער טעראר, וועלכען די ראסיסטען ווענדען אן לגבי די יודען, די בעגרענצונגס-געזעצען, וועלכע זיי גרייטען זיך צו פערעפענטליכען בנוגע יודען, ווי נאר זיי וועלען איבערנעהמען די מאכט צו וועלכער זיי שיינען דאך צו זיין גארנישט ווייט—דאס אלץ האט פערשטעהט זיך, געשטעלט ווידער אמאל די פראגע וועגען דעם קאמף מיט'ן אנטיסעמיטיזם און דערצו נאך אין א פיעל שארפערער פארם ווי ווען עס איז.

מען זוכט ווידער מיטלען פון קאמף פון אבווער, מען געהט הויפטזעכליך אויף די אלטע וועגען, אבער עס הערען זיך אויך נייע פלענער, איינער פון זיי שטאמט ווי בעוואוסט גאר פון איטאליען — א יודישער פראפעסאר אין רוים, ה' טערעסקו, איז ארויסגעטרעטען אין דער עפענטליכקייט מיט א פארשלאג, אז די מלוכות זאלען אויסארבייטען אונטערשרייבען אנ'אינטערנאציאנאלען קאנווענץ וועגען דעם פערברעכערישען כאראקטער פון אנטיסעמיטיזם, וואס ז'ארף פערפאלגט ווערען ווי יעדער פערברעכען. ווערט דאך דער אנטיסעמיטיזם בעהאנדעלט אין סאוויעט-רוסלאנד אלס פערברעכען געגען דער הערשענדער ארדנונג, פארוואס זאל זיך די גאנצע ציוויליזירטע וועלט נישט שטעלען אויף דעם דאזיגען שטאנדפונקט? האבען דאך פויבסטען און קייסארים אין מיטעלאלטער אפילו פערוועהרט אנטיסעמיטישע ארויסטרעטונגען און בעשטראפט פאר זיי, פארוואס זאל דאס זעלבע נישט ווידער אמאל געשעהן אין אונזערע צייטען, סאנקציאנירט ווערען דורך אנ'אינטערנאציאנאלען אבמאך? אמת, די אויסשרייטונגען געגען יודען, צו וועלכע דער אנטיסעמיטיזם דערפיהרט ווערען אומעטום בעשטראפט, אבער נישט דער אנטיסעמיטיזם גופא. הערצל האט די יודישע פראגע געשטעלט אלס אנ'אינטערנאציאנאלע און עס איז דערפיהרט געווארען צו אנ'אינטערנאציאנאלען אבמאך מכח דער יודישער נאציאנאלער היים, יעצט דארף דער אנטיסעמיטיזם געשטעלט ווערען אלס א אינטערנאציאנאלען פראבלעם און עס דארף קומען צו א נייעם אינטערנאציאנאלען אבמאך מכח איהם. דער אנטיסעמיטיזם דארף ערקלערט ווערען אלס פערברעכען געגען דעם רעכט פון מענש אויף לעבען געגען דער קולטורעלער ארדנונג.

אזוי ערקלערט טערעסקי זיין פלאן. עס האבען זיך מיט איהם פעראינטערעסירט נישט נאר יודען. מען גיט איבער, אז פון דער קאנצעלאריע פון פעלקער-בונד האט מען זיך אנגעפרעגט ביי טערעסקי וועגען זיין פלאן און אז ער ארבייט אויס יעצט א פארשלאג פון אנ'אינטערנאציאנאלער קאנווענץ מכח דעם אנטיסעמיטיזם.

עס איז קיין שום ספק נישט: אין דעם דאזיגען געדאנק ליגט א געזונדער קערן. עס וואלט געוויס גוט געווען, ווען דער אנטיסעמיטיזם, וועלכער ערקלערט דעם יוד אלס מענש, וואס געפונט זיך צוליעב זיין יודישקייט אויסערהאלב דער ארגאניזירטער מענשליכער געזעלשאפט, ווען דער אנטיסעמיטיזם, וועלכער פרעדיגט רעכט-בעגרעניצונגען, רופט צו טעראריסטישע אקטען געגען יודען, געגען יודישע הייליגטימער, זאל בעטראכט ווערען אלס פערברעכען, עהנליך ווי אין סאוויעטען-רוסלאנד, למשל, דערביי אבער וואלט געווען א געוואלדיגע איבערטרייבונג, ווען מ'וואלט זיך פארגעשטעלט, אז דערמיט וואלט געלעזט געווארען די גאנצע יודען-פראגע און בעזייטיגט געווארען די יודען-נויט.

דעם ענטפער דערויף קען געבען פון איין זייט די פערווירקליכונג פון ציוניזם און פון דער אנדערער זייט די אנערקענונג פון די מינדערהייטס-רעכט אומעטום אויף דער ציוויליזירטער וועלט און פון די יודען אלס אזא מינדערהייט ווי אלע אנדערע נאציאנאלע מינדערהייטען. דער בעזונדער און אבגעזונדערטער קאמף מיט'ן אנטיסעמיטיזם וועט די אומנארמאלע לאגע פון די יודען נישט אבשאפען. ער קאן נאר זיין א טייל פונם אלגעמיינעם קאמף, וועלכען די יודען מוזען פיהרען פאר זייער צוקונפט, פאר זייער בעפרייאונג.

דער פלאן פון טערעסקי קאן דורך אונז בעטראכט ווערען נאר אלס א פרט פון אונזער קאמף, וועלכען מיר פיהרען אומעטום, פאר אונזערע ענטוויקלונגס-מעגליכקייטען, עס וואלט געווען גוט, ווען א מלוכה שטעלט דעם דאזיגען פארשלאג אזא מלוכה, וואס האט נישט צו טהון מיט'ן אנטיסעמיטיזם, וואס האט אים אדער ביי זיך גובר געווען, אדער נישט געהאט צוליב די אדער יענע טעמים, דאך קאן ער ערנסט גענומען ווערען. וועט ער אבער ווערען א געגענשטאנד בלויז פון יודישע אינערליכע בעטראכטונגען פון אונטערהאנדלונגען, וועט ער פארגעשטעלט ווערען אלס א פאנאצעאום אלס דאס איינציגסטע מיטעל צו פערבעסערן די איצטיגע לאגע פון די יודען, וועט ער דערפיהרען צו אינערליכען קאמף און פלאנטער, וואס וועט אונז ברענגען בלויז שאדען.

י. אייגער, ירושלים.

אין מגדיאל.

דער שעהנער און געבענשטער שרון. דער וואונדערבארער שרון-טהאל, וועלכער האט זיך שטענדיג געריהמט מיט זיין וואסער-רייכקייט, מיט זיינע פלאנצונגען, מיט זיינע מענגעס פרעכטיגע בלומען, איז נאך היינט אויך אזוי רייך און שעהן. נארציזען, היאצינטען, וויאלען, טוליפאנעס און ליליעס פערכאפען דאס אויג מיט זייערע איידעלע פארבען, מיט דער „חבצלת השרון" קען מען נאך היינט אויך פערגלייכען א שעהנע כלה. נאר איין זאך איז יעצט פערהאן אין שרון, וואס איז דאמאלס וואהרשיינליך נישט געווען—די ארענזשען-גארטענס, די געדיכטע גארטענס מיט גלייכענקע שורות בוימער. דאס איז יעצט דער רעאלער אוצר פונ'ם שרון.

געקומען א רייכער יוד פון פוילען ה' זשוכאוויצקי. א וואוילער, נאציאנאלער יוד מיט א ברייט יודיש הארץ. נאך איהם האט נאכגעפאלגט א גרופע משפחות פון מיטעלשטאנד, האט געקויפט מיט אייגענע מיטלען 5000 דונאם גוטען באדען, נישט ווייט פון פתח-תקוה און זיך גענומען בויען די קאלאניע מגדיאל, אבער עס טהוט זיך נישט אזוי ווי עס רעדט זיך. שפעטער אביסעל האט זיך ארויסגעוויזען, אז מיט די מיטלען וואס זיי פערמאגען וועלען זיי ווייט נישט אוועקגעהן. זיי זענען געבליבען שטעהן אין דער מיט, נישט אהין, נישט אהער. דאס איז געווען, דארף מען פערשטעהן אנ'ענטשיידענער מאמענט — לחיים או למות. אין ארץ - ישראל זענען שוין געווען אזעלכע פאלען, ווען דורך אזא מאמענט זענען צו גרונד געגאנגען גרויסע אונטערנעהמונגען. נאר א דאנק דער ענערגיע, דער סאלידאריטעט און שטארקען ווילען פון דער גרופע, וועלכע איז נאכגעגאנגען נאך איהר פיהרער, האט מען געקענט אריינציהען אין דעם ענין ביידע פאנדען און זיי האבען ארויסגעפיהרט די קאלאניע אויף א וועג. מגדיאל האט פערקויפט זיין באדען דעם קרן-קימת און די קאלאניסטען זענען געבליבען פאכטער אויף אלגעמיינע יסודות. דער קרן-היסוד האט זי אריינגעשלאסען אין איהר בודזשעט און געגעבען גרויסע לאנגיעהריגע הלואות און די קאלאניע האט געקענט פערענדיגען איהר אויפבוי און אוועקשטעלען ווי עס דארף צו זיין איהרע ווירטשאפטען. היינט צו טאג איז מגדיאל איינע פון די שטאנדהאפטיגע בליהענדע קאלאניעס.

דארט, אין דער שעהנער און רייכער ווירטשאפט פון ה' זשוכאוויעצקי, אין דער שכנות פון ארענזשען, בוימער און פאלמען-אלעען, האט דער קרן-היסוד איינגעארדענט א זשורנאליסטען-צוזאמענקונפט, אויף וועלכער עס זענען אנוועזענד געווען אויך פיעל אנגעזעהענע געסט פון אמעריקא און זיד-אפריקא, וועלכע געפונען זיך אין לאנד און צווישען זיי דער פרעזידענט פון ועד הפועל, הער פון אלע געאכטעטער לעא מאצקין; צוזאמען מעהר ווי הונדערט מאן.

מיר האבען געוואוסט אויף וואס מיר פאהרען; מיר האבען דאך געוואוסט ווער עס לאדט אונז איין — דער דיכטער ל. יפה, דירעקטאר פון קרן היסוד וועלכער נעמט אזוי ליעב אויף געסט, אויסערגעוועהנליך הארציג און גאסטפריינדליך, אבער ער גיט נאכהער אזא לעקציע, ער פיהרט אריין אין אזא לאבירינט פון ערנסטע פראגען, פון וועלכע עס ווערט נישט היימליך. ער ווייסט דעם סוד ווי איבערצוגעהן פון א שמאקהאפטען מיטאג, סערווירט מיט דער ברייטער האנד פון א גוט-בעזיצער, צו די שווערסטע אקטועלע פראגען; ווי אריינצופיהרען מענשען מיט א גוטמוטיגער שטימונג פון נאך מיטאג צווישען בלומען און בוימער אין די ערנסטע זארגען פון דער געגענווארט און צוקונפט. ער האט באלד צוגענומען די מיעדקייט פון וועג און פונ'ם מיטאג, געזיכטער זענען געווארען ערנסט און מיט אנגעשטרענגטער שטילקייט האט מען אויסגעהערט זיין רעדע-בעריכט פון אנהויב ביז צו ענדע.

די בעמיהונגען פון דער ארבייט האבען זיך נישט געענדערט צום גוטען. זאגט ל. יפה און ער שילדערט אין קורצע, אויסדרוקספולע שטריכען די יעצטיגע שרעקליכע עקאנאמישע לאגע פונ'ם יודישען פאלק, נישט גוט איז אויך דער מצב פון דער ציוניסטישער בעוועגונג גופא. מען האט פערנאכלעסיגט די ערציהונג און יעצט פרעסט אויף די אסימילאציע גאנצע קרייזען פון פאלק. אט דער פראצעס איז שוואכער, ווען די ציוניסטישע בעוועגונג שטייגט און פערשטארקט זיך, ווען זי פאלט. און עטליכע יאהר זענען שוין פאראיבער, וואס דאס פאלק האט נישט געזעהן קיין נייע וויכטיגע ווערק אין ארץ-ישראל. א נישטיגע איינוואנדערונג און א נישטיגע קאלאניזאציאנעלע ארבייט.

און דאך זענען די הכנסות פון קרן היסוד היי-יאהר נישט געפאלען, נאר נאך עטוואס געשטיגען. און אויב פערגלייכען מיט דער עקאנאמישער לאגע, אויב נעמען אין בעטראכט די געפאלענע פרייזען, דאס שטייגען פון ווערט פונ'ם געלד, דאס וואס יעצט פאדערט זיך אזא אנשטרענגונג צו זאמלען הונדערט פונט ווי פריהער טויזענד. אויב נעמען דאס אלץ אין בעטראכט איז די יעצטיגע הכנסה נישט קלענער ווי די הכנסה פון קרן היסוד אין זיינע בעסטע צייטען. און ווען אין אמעריקא זאל געווען פאלען די הכנסה נאר לויט איהר ווירקליכען מצב, פראפארציאנעל צו אנדערע לענדער, וואלט די הכנסה ווייט איבערגעשטיגען זיי בעשטימטע קוואטע. וועמען-זשע האט מען צו פערדאנקען די וואונדערליכע דערגרייכונגען אין אזא צייט, אויב נישט די מענשען וואס ארבייטען פאר דעם, וואס וואנדערן און ברענגען די בשורה פון יודישען שאפען, די בשורה פונ'ם יודישען היימלאנד און די זארג פאר דעם ווערק.

רעדענדיג וועגען דער טעטיגקייט פון קרן היסוד האט ל. יפה געמוזט בעריהרען אלע ווינקעלעך פון ארץ-ישראל, אלע געביטען און צווייגען פונ'ם קולטורעלען און עקאנאמיש-יודישען לעבען אין לאנד. ער האט דאס געמאכט אויף זיין שטייגער—קורץ און בולט.

ער האט גערעדט וועגען דער טוריסטען-בעוועגונג, וועלכע ברענגט נוצען. אלע שרייבער און קינסטלער וואס האבען בעזוכט א"י זענען אויסערגעוועהנליך בעגייסטערט, מען דארף זיי אבער געבען צו פערשטעהן אז די 200 טויזענד יודען וואס געפונען זיך אין א"י זענען נאכנישט דער ענד-ציעל, אז מען דארף נאך בויען און שאפען פאר דער צוקונפט פון דארף, וואס עס מוז געטהון ווערען מיט די נאציאנאלע פאלקס-פאנדען.

ער גיט אב א קורצען, אבער א גענויע דייטליכען בעריכט פון דער טעטיגקייט פונ'ם קרן-היסוד אין די 11 יאהר פון זיין עקזיסטענץ, וואס ער האט אויפגעטהון אויף אלע געביטען פון ווירטשאפטליכען און קולטורעלען לעבען, און בעווייזט מיט גענויע ציפערען וויפיעל דער קה"י האט אינוועסטירט אין לאנד אין יעדען געביעט בעזונדער.

מיר שטעהען, זאגט יפה, פאר א שווערען יאהר, ווען ארבייטען פאר ארץ-ישראל וועט, וואהרשיינליך, זיין נאך שווערער ווי געווען ביז יעצט. וואסזשע דארף מען טהון? מען דארף דערפרישען און פערשטארקען די פראפאגאנדע, מען דארף אריינדרינגען אין נייע קרייזען, פערגרעסערן די צאהל ביישטייער, און אזוי ארום דערפולען דעם היזק, וואס די שלעכטע לאגע האט פעראורזאכט. פאר דעם פאדערט זיך די גרעסטע אנשטרענגונג, אנדערש וועלען מיר נישט איבערקומען די גרויסע שטערונגען און מען מוז מעהר ווי אין אנ'אנדערע צייט בעלעבען די בעוועגונג, ווייל „די קוואלען ווערען ער-

---

וואס געהערט, וואס געזעהן.

א פאטום.

עפיס א פאטום, אנ'אומגליק שלעפט זיך נאך די אזוי-אומגליקליכע פרעזעס-וואהלען פון דער קהלה.

טשענסטאכאוו קען נישט אין איהר געשיכטע קיין עהנליכע פאסירונג ווי די, וואס קומט פאר מיט די פרעזידיום-וואהלען.

נאך קיינמאל אין אונזער קהלה-לעבען קען מען נישט פערצייכענען אזא פאקט, ווי עס זאלען צווישען זיך אזוי ביטער קעמפען די צדדים און נישט צוליעב אידעען, נאר טאקי צוליעב להכעיס-פאליטיק, ווייל דו ווילסט אזוי, וויל איך פונקט אנדערש און טהו מיר עפיס.

כ'ווייס נישט ווי אזוי דאס מיניסטעריום, וועלכעס האט שוין עטליכע מאל צוריקגעשיקט די פאפירען נישט בעשטעטיגט, קוקט אויף אונזערע קהלה-פארשטעהער. נאר עס איז אינטערעסאנט צוצוגעהן צו א יוד פון א גאנץ יאהר און איהם פרעגען: ר' יוד, ווי געפעלט אייך די קאמעדיע?

א פאטום שלעפט זיך אויך נאך מיר דעם שרייבער, פון די שורות, שטעלט אייך פאר, ווען די פרעזידיום-וואהלען קומען פאר אין מיטען דער וואך, וואלט איך דאך געהאט איינדריקען מיט בעמערקונגען, אזוי, אז איך וואלט אויסגעפיהלט „א גאנץ בלאט", מוזען די וואהלען דוקא פארקומען אין דאנערשטאג אוועגד, ווען די צייטונג איז כמעט פערטיג און איך מוז זיך בעגניגענען בלויז מיט טרוקענע כראניק, ווארום שרייבען אויף דער אנדערער וואך האט שוין נישט קיין זינען. עס איז איבערגעשטאנען. ווי איהר זעהט, זענען שוין די פרעזידיום-וואהלען אין דער יודישער קהלה געבוירען געווארען אונטער א שלימזל'דיגען שטערן, אפשר וועט זיך פארט דאס מזל איבערקעהרען צום גוטען, הלואי.

א ריכטיגע שאלה.

פיעל יודען פרעגען מיך פאלגענדע שאלה: פארוואס האט נאך קיינמאל נישט געטראפען, אז אויפ'ן פוילישען צמענטארזש זאל מען טרעפען א יודישען אגראדניק, וועלכער זאל זיין בעשעפטיגט ביים פלאנצען בלומען אויף א קבר, אינדערצייט ווען אויפ'ן יודישען בית-עלמין איז כמעט ווי אנ'אנגענומענער מנהג, איבערהויפט ביי אונזער אריסטאקראטיע, אז זיי זאלען נישט אנגאזשירען קיין יוד, נאר דוקא א קריסט.

נאך פרעגען זיי: אין שטאדט זענען בעקאנט א רייהע יודישע גארטען-קענער, וואס ארבייטען דערביי א גאנץ יאהר און זענען זאגאר בעריהמט מיט זייער קענטניש אויף דעם דאזיגען געביעט, טא פארוואס ווערען זיי נישט אנגאזשירט צו פערפלאנצען די בלומען אויפ'ן יודישען בית-עלמין און אויף א יודישען קבר.

און זיי פרעגען ווייטער:

אז עס געהט שוין נישט אין דעם, וואס דעם יודישען בית-עלמין רופט מען דאס „הייליגע ארט" און עס שאקירט ווען א נישט-יוד איז זיך דארט צופיעל מטפל, אבער פון ריין-מענשליכען שטאנדפונקט אפילו, פארוואס ווערט אויפ'ן קריסטליכען בית-עלמין קיינמאל נישט אנגאזשירט קיין יוד און אויפ'ן יודישען בית-עלמין ווערט גענומען צו דער דאזיגער ארבייט דוקא א נישט-יוד?

אט אזוי פרעגען מענשען און איך גיב צו, אז עס איז א ריכטיגע שאלה.

זיי קאנען נישט מיט איינמאל.

דאס מיין איך די האנדווערקער, אונזער „עמך", דאס שניידער-שוסטער-בעקער-און ארבייטענדע פאלק, וואס זענען היינט דאס אויבערשטע פון שטייסעל, וואס רוקען זיך אלץ מעהר ארויף צו דער מזרח-וואנד און שטופען פון דארט אוועק די אמאליגע מיוחסים, שטופען זיי גאר אוועק העט הינטער'ן אויווען...

אט דאס דאזיגע „עמך" האט געהאט די וואך די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג. נו, האט איהר געוואלט אז דאס זאל זיך ענדיגען אין איין מאל, אזוי ווי עס פיהרט זיך ביי יעדע אינסטיטוציע דארט, האט איהר א טעות. אומעטום אפילו ביי סוחרים, קליינהענדלער און נאך אזאלכע עהנליכע אינסטיטוציעס קען געמאלט זיין, אז אנ'אלגעמיינע פערזאמלונג זאל פערטיג ווערען מיט איינמאל, מה שאין כן ביי האנדווערקער. ביי זיי האט נאך אזא זאך נישט פאסירט און וועט אויף ווייטער אויך נישט געשעהן...

שטעלט אייך פאר ביי אונזער חברה האנדווערקער אנ'אלגעמיינע פערזאמלונג, דארט, וואו ער קען זיך אויסרעדען זיין ביטער הארץ, ווען ער קען אויסגיסען זיין כעס פון א גאנץ יאהר, און ער ווייסט דאך דער ארגאניזיר-

פ. בלומענקראנץ.

אין מינוטען פון חשבון-הנפש.

– 2 –

דער צוזאמענברוך אין היינטיגען פאמיליען-לעבען.

(המשך).

די יודען, האבענדיג אנ'אמת'ע פאזיטיווע בעציהונג צום לעבען, האבען דעריבער אין אלע צייטען מקפיד געווען, אז ס'זאלען זיך נישט טרעפען קיין צעליבאט-פאקטען. פון דאנען נעמט זיך די זארג פאר יתומים און עלענדע, אום זיי חתונה צו מאכען.

זעלבסטפערשטענדליך, אז די כונה איז נישט געווען בלויז חתונה מאכען און לאזען דאס פארל אויף גאט'ס בעראט, נור אויך זארגען און געבען זיי די מעגליכקייט זיך אין א געוויסער מאס איינצוארדנען[4].

די יודישע חכמים האבען זיך אויסגעצייכענט מיט א שטארק קלארען און פראקטישען קוק אויפ'ן לעבען. דאריבער טראץ זייער גאנצער שטרענגער בעציהונג צו די יודישע פארשריפטען, האבען זיי אין זינען געהאט די פראקטישע זייט, נעמענדיג דערביי אין אכט, אויב דער ענין איז אויספיהרבאר (מען איז נישט גוזר קיין גזרה, אויב דער רוב צבור קען זיך נישט צופאסען).

„דריי זאכען דארף דער מענש טהון —זאגט ר' יוחנן:—בויען זיך א וואוינארט, פלאנצען זיך א וויין-גארטען און דאן חתונה האבען און דערנעהרען זיינע קינדער און נישט ווי ס'טהון די שוטים (מדרש הנעלם, פ' בראשית).

זעהר כאראקטעריסטיש איז דער פאקט, וואס ווערט געברענגט דורך רבי יהודה החסיד אין נאמען פון א געוויסען חכם (ספר חסידים סמן שפא), וועלכער האט געראטען א יונגערמאן, א פרנסה'לאזען צו נעמען א פרוי אהן יחוס (נור זאל נישט זיין א פסולה לבא בקהל) א פערמעגליכע און נישט אנ'ארימע מיוחסת, ווייל אויב ער וועט זיך משדך זיין מיט דער מיוחסת אהן געלד, וועט ער מוזען אנקומען צו קהל (ווערטליך: גבאי) און וואנדערן פון שטאדט צו שטאדט, כדי זיך מפרנס צו זיין.

(אגב: אויפ'ן מאמר אין קדושין ע': „הנושא אשה שאינה הוגנת לו אליהו כופתו והקב"ה רוצעו" בעמערקט טאקי רש"י אויפ'ן ארט: פסולה לו...)

די חכמי-תלמוד האבען טאקי צוליעב זייער קלארען בליק אויפ'ן לעבען געוואלט בעוועגען די יוגענד צו הייראטען דורך מאטיווען רעליגיעזע[6] און ריין-מענשליכע[7]).

מיר טרעפען ווירקליך נישט אין תלמוד קיין פאקטען פון צעליבאט, בן-עזאי'ן, וועלכער האט נישט חתונה געהאט — מאכען די חכמים פארוואורפען, אז ער איז א נאה דורש און בן עזאי פערענטפערט זיך: „מה אעשה נפשי חשקה בתורה ואפשר לעולם, שיתקיים על ידי אחרים (יבמות ס"ג.[8])

* * *

ווי דארף זיין די בעציהונג פון מאן צו דער פרוי לויט אונזערע חכמים?

לויט'ן רוב דעות פון תלמוד און שפעטערדיגע יוד. געלעהרטע דארף מען די פרוי צו רעספעקטירען.

„אויב מען ליעבט די פרוי מעהר פון זיך גופא און מ'רעספעקטירט זי מעהר פון זיך—זאגט אויף איהם דער פסוק „וידעת כי שלום אהלך" (יבמות ס"ב).

מיר געפונען נאך פיעל עהנליכע מיינונגען אין אונזער אלטער ליטעראטור[9]).

ס'געפונט זיך אין תלמוד א מיינונג נאך מעהר א כאראקטעריסטישע, וועלכער האלט, אז די פרוי איז בטבע בעשאנקען געווארען מיט מעהר פערשטאנד פון מאן.[10])

„דו טארסט נישט שעלטען דיין פרוי —ווארענט ר' חיים יוסף אזולאי אין זיין ספר „עבודת הקדש" — ווייל דו שעלטסט דיין צווייט חלק" א. ז. וו.

ס'פערשטעהט זיך, אז מיר האבען ווייט, ווייט נישט געבראכט אפילו בלויז די מעהרסטען כאראקטעריסטישע מיינונגען וועגען דער פרוי און דער בעציהונג צו איהר, ווארום נישט נור די אלטע געלעהרטע אונזערע זענען געווען געגען נזירות, און נישט חתונה באבען האט געהייסען — שופך דמים (רבי אליעזר) און ר'איז פשוט חייב מיתה (אבא חנן פאר ר' אליעזר), נור זיי האבען זיך בעמיהט, אז די בעציהונג צו דער פרוי זאל זיין א הארציגע און רעספעקטפולע.

ס'פערשטעהט זיך, אז די דאזיגע בעציהונג איז א פראדוקט פון דער יודישער עטיק און פארשריפטען בנוגע דעם פאמיליען - לעבען, וועלכע זענען שוין דורך משה רבינו רעגולירט געווארען.

און ווירקליך איז די שטעלונג צו דער פרוי אין די גאר-אלטע צייטען ביי יודען געווען א הומאניטארערע ווי ביי אנדערע פעלקער, א דאנק דער רעגולירונג פון דער דאזיגער פראגע דורך משה רבנו כמעט אין אלע איינצעלהייטען.

און די טהרת המשפחה האט זיך ביי יודען באמת געהאלטען אין אלע תקופות: סיי אין די צייטען פון דער יודישער זעלבסטשטענדיגקייט און סיי אין די צייטען פון דעם יודישען אונענדליכען גלות, ווען זיי זענען געווען אונטערגעווארפען פערשידענע סכנות מצד דער גרויסער ארומיגער מעהרהייט. (סוף קומט).

5) יתום שבא להשיא אשה שוכרין לו בית, ומציעים לו מטה וכל כלי תשמישו ואח"כ משיאין לו אשה (רמב"ם).

6) כיון שנשא אדם אשה עונותיו מתפקקין, שנאמר: מצא אשה, מצא טוב ויפק רצון מד' (יבמות ס"ג)

7) כל אדם, שאין לו אשה שרוי בלא שמחה, בלא ברכה, בלא טובה (יבמות ס"ג).

8) ס'האבען זיך געטראפען ביי יודען אנהענגער פון צעליבאט, ווי פילאן, וועלכער האט גע'עצה'ט זיינע תלמידים נישט צו ברענגען קיין קינדער אויף דער וועלט, ווייל דאס געבוירען ווערען איז נור א ירידה פאר דער נשמה (להיפך פון אונזער מיסטיק). פילאן גיט אבער צו, אז דאס פערטרויט ער נור זיינע תלמידים און האלט נישט פון פראפאגירען די מיינונג צווישען די מאסען.

נור סיי פילאן, וועלכער איז געווען אונטער דער השפעה פון סטאאיציזם און סיי דער פרויען-פיינד ביי יודען פון דער לעצטער צייט — ווייניגער, האבען נישט געהאט קיין גרויסען איינפלוס אויפ'ן יוד. לעבען.

9) כל המשים שלום בתוך ביתו, מעלה עליו הכתוב כאילו משים שלום בישראל על כל אחד ואחד (אבות דרבי נתן פרק כ"ח).

10) דכתיב ויבן ה' א"ה הצלע מלמד שנתן הקב"ה בינה יתירה באשה יותר מבאיש (נדה מ"ח).

שעפט".

מען מוז ענדליך צוציהען אלע ציוניסטען צו דער ארבייט פאר דעם קרן היסוד; הויפטזעכליך יענע, וואס פערנעמען אנ'אנגעזעהען ארט אין דער ארגאניזאציע. זיי מוזען פערשטעהן, אז נאר דורך פאקטישער ארבייט פאר א"י ווערט יעדער ציוניסט געפרובט.

„מיר ווייסען וואס פאר א שווערע צייט עס שטעהט אונז פאר. עס פאדערט זיך אויסע-געוועהנליכע דרייסטקייט כדי צוצוטרעטען צו דער ארבייט אבער מיר האבען קיין ברירה נישט...

יא, מיר האבען קיין ברירה נישט — האבען אלע שטילשווייגענד מסכים געווען און דוכט זיך, אז אויך די שטולקייט פון גארטען האט געלעגט איהר זיעגעל צו דעם איינציגען אמת; מיר האבען קיין ברירה נישט, מיר מוזען ארבייטען ווייטער...

צו דארפען מיר זיך טאקי פערטיידיגען?...

זייט דעם 17-טען ציוניסטישען קאנגרעס אויף וועלכען מיר רעוויזיאניסטען זענען געווען פערטרעטען מיט א ריזיגע צאהל דעלעגאטען און מיט א סך סימפאטיקער פון אנדערע ציוניסטישע גרופירונגען האבען זיך אויף אונז אנגעהויבען כמעט א פארמעלער אונקולטורעלער קאמף מצד די „לינקע", זעהענדיג אין אונז א „קאנקורענט", וועלכער פרעהט זיך מיט די געהעריגע סימפאטיעס מצד דעם מיטעלשטאנד.

ווי דער רעוויזיאניסטישער צענטראל-קאמיטעט איז מודיע, שיקאנירען אונז די דאזיגע „לינקע מושלים" אויף יעדען שריט, נישט קענענדיג אונז פערגינען די אונגעהויערע שנעלע ענטוויקלונג פון אונזער בעוועגונג און ספעציעל אונזער שעהנע יוגענד-ארגאניזאציע „ברית תרומפלדור", מיט וועלכער מיר שטאלצירען.

סוגעסטיאנירענדיג זיך מיט דער דאזיגער קנאה האט זיך ביי זיי געשאפען א ברוטאלער האס ממש סאדיזם און דאס נישט בלויז געגען די רעוויזיאניסטען, נאר בכלל געגען דער גאנצער יודישער „בורזשואזיע"...

* * *

אט דאס זענען די סבות - פון דעם סאבאטאזש, מיט וועלכען די „לינקע" האבען אונז פראוואצירט און זיך נישט געוואלט סובארדינירען די בעשלוסען פון 17-טען קאנגרעס און רעארגאניזירען די פאלעסטינא-אמטען.

די „לינקע" זענען דאך געווען די ערשטע פאר א פארלאמענטארישער ארדנונג און געגענזייטיגער טאלעראנץ. טא פרעגט זיך טאקי פארוואס נעגירען זיי די דאזיגע פרינציפען, פאר וועלכע זיי האבען געקעמפט? צי פערשטעהן זיי דען נישט אז די אלע ציוניסטישע אינסטיטוציעס דארפען זיין אנ'אבשפיגלונג פון דעם ציוניסטישען פארלאמענט, ד. ה. אז דער צוזאמענשטעל פון די פאלעסטינא-אמטען דארף זיין לויט'ן שליסעל פון דער פערטרעטונג פון אלע פראקציעס. דאס איז דאך א נאטירליכע און פערשטענדליכע זאך. און אויב איז דאס טאקי נישט געשעהן פרעגען מיר אלזא די יודישע עפענטליכקייט: ווי אזוי קאנען האנדלען מענשען, וועלכע טראגען אויף זיך די „מיסיע" פון ברודערליכקייט און הומאניטעט, און דאס וויכטיגסטע „דעמאקראטיע". און מיט וואס ערקלערט זיך דאס? וואט פאר א פערטרויען קען די עפענטליכקייט זיי שענקען ביים אויפבוי פון ארץ-ישראל?

ווי מיר זעהען, אנערקענען פארט אונזערע „לינקע" ווייטער דאס „פויסטען-רעכט" און דאס איז טאקי בעשטעטיגט געווארען ביי דער סקאנדאליעזער סערטיפיקאטען-פערטיילונג.

עס טרעפען זיך אויך „אביעקטיווע עקספערטען", וועלכע פרובען די ברוטאלע האנדלונג אויסטייטשען אלס א רעזולטאט פון קאלע, אבער אויף וויפיעל מען זאל נישט זיין נאאיוו דארף מען דאך אויך באלד דערזעהן די אומגעלומפערטקייט דערפון, וואס קען זאגאר נישט דיענען אלץ אנ'אויסרייד פון א פארמעלען תירוץ.

ווען קאלע וואלט געווען ווירקליך דער פאקטישער מאטיוו, טא פארוואס זענען בעעולה'ט געווארען דער „מזרחי", „השומר חלאומי" און „החלוץ המרכזי". אויך קאלע?...

ווען זאגאר ביי דער דאזיגער עווענטואליטעט וואלטען מיר בע'עולה'ט געווארען, ד. ה. דורך קאלע, טא פרעגען מיר ווידער די מאסגעבענדע פאקטארען צי איז ווירקליך דער פאלעסטינא-אמט בערופען צו אנולירען די קאנגרעס-רעזאלוציעס און נישט דער אקציאנס-קאמיטעט?

נישט דער פאלעסטינא-אמט איז בערופען צו ערלעדיגען פערשידענע שטרייטען, דאגעגען איז אבער דער „קרן-קימת" דא די בערופענע אינסטאנץ צו רעאגירען אין שארף טאדלען געגען דער האנדלונג פון פאלעסטינא - אמט, דען זאכליך גענומען זענען דאך אונזערע פאנדען א פרייוויליגער שטייער און אלס אזעלכע דארפען זיי נעמען אין שוץ די עלעמענטען, וועלכע ברענגען קרבנות פאר ארץ-ישראל, דען די דאזיגע טארען פון דער בעוועגונג נישט לייזען, צוליעב וועמענס קאפריזען און לייכטזיניגקייטען. און נאר די פאנדען מוזען יעדען שטרייט ליקווידירען (מיר. וועלען זיך נאך צו דעם דאזיגען אומקעהרען).

ווען מיר האבען אויפגעהערט צו ארבייטען פאר די קרנות האט מען אונז גאר אנגערופען „פעררעטער" און מען האט „אפעלירט" מיט זעהר כאראקטעריסטישע „ארגומענטען".

א „קרן-קימת"-עסקן שרייבט אין א צייטונג צוו. אנד.: ס'איז א בעוואוסטע זאך, אז די קרנות שטיצען זיך נישט אזוי אויף פיעל אויף דעם בעוואוסטזיניגען ציוני ווי אויף דער מאסע, וועלכע שטיצט זיי מעהר אינסטינקטיוו, ווי בעוואוסטזיניג, מעהר מיט'ן הארץ ווי פארשענדיג מיט'ן שכל".

אט וועגען דעם טאקי האנדעלט זיך עס און מיר זענען שוין אויף א וועג. דאס איז אייך פערשטענדליך, אז איהר האט אויסגענוצט די נאאיוויטעט און די אונבעוואוסטזיניגקייט פון דער מאסע און מיט דעם בע'עולה'ט די רעוויזיאניסטען, נישט רעכנענדיג זיך אבסאלוט מיט דער עפענטליכקייט.

אונזער אויפגאבע איז טאקי די דאזיגע מאסע בעוואוסטזיניג צו מאכען און אקטיוויזירען איהר געדאנק, בעקענען זי מיט דער סטרוקטור פון דער ציוניסטישער בעוועגונג און מיט דער געשאפענער לאגע.

פונקט אזוי ווי מיר פיהרען אנ'אויפקלערונגס - ארבייט אויפ'ן אינטערנאציאנאלען פארום, דעמאסקירענדיג דעם ווילקיר פון דער מאנדאטאר-מאכט, אזוי אויך וועלען מיר פיהרען די געהעריגע אויפקלערונגס - פראפאגאנדע, אינערהאלב דער יודישער עפענטליכער מיינונג, דעמאסקירענדיג דעם ווילקיר פון די „לינקע" און די גערעכטיגקייט וועט סוף-כל-סוף זיעגען.

דאס וואס איהר, „עקספערטען", זאגט, אז מיר האבען געהאט אנ'אנדערן אויסוועג ווי אזוי צו פראטעסטירען, אנווייזענדיג דערצו די געהעריגע „מיטלען", וועלען מיר מיט אייך נישט פאלעמיזירען, דען די סטרוקטור פון אונזער „שטאאטס-ארדנונג" איז אזוי ארעם, אז מיר האבען נישט געהאט קיין אנדערן אויסוועג, אונזער מענשליכע ווירדע איז געווען צופיעל בעליידיגט.

עס איז געווען פאראויסצוזעהן דעם „שטורם" געגען אונז, אבער פון דער אנדערער זייט האבען מיר אויך בעקומען די פערטיידיגונג פון אביעקטיווע צושויער און איינער פון די דאזיגע איז אהן ספק ה' הלל צייטלין, וועלכער האט אין זיין ארטיקעל „פון ענגען ווינקעל אויפ'ן ברייטען שלאך" („מאמענט" נר. 142) געשריבען אין א גאנץ אויפריכטיגער פארם און שטרענגסטער אביעקטיוויטעט וועגען דער „פערטיילונג" פון די סערטיפיקאטען.

איך וויל דא דעריבער ציטירען איינינגע זאצען.

„עס מוז געמאכט ווערען א סוף צום ביז-יעצטיגען סיסטעם, לויט וועלכען מען האט שטענדיג גערעדט אויף צוויי לשונות. בשעת מען האט געפיהרט פראפאגאנז'ע, האט מען גערעדט מיט דער הויכער כלל-ישראל-שפראך, בעת מען האט בעזעצט יודען אין א"י און בעזונדערס, ווען מען האט גע-דארפט טיילען סערטיפיקאטען, האט מען פלוצלונג אנגעהויבען רעדען אויף דער טרוקענער קלאסען-שפראך...

„עס מוז א סוף נעמען צו דער דאפעלטקייט מיט וועלכער עס איז אדורכגעדרינגען די גאנצע יעצטיגע טעטיגקייט פאר ארץ-ישראל און אין ארץ-ישראל.

דאס איז נישט קיין פראגע פון יא רעוויזיאניזם און נישט-רעוויזיאניזם געגען דעם יעצטיגען פאלעסטינא-אמט צי פאר איהם, נור א פראגע וואס ריהרט אן דעם גאנצען ציוניזם און טאקי אויך דאס גאנצע יודענטום, ווייל עס ריהרט אן איינע פון די גרעסטע פראגען אין דער גאנצער יודישער וועלט: ווי און ווי אזוי זאל ארץ-ישראל געבויט ווערען?"

דאס איז א אביעקטיווער בליק פון א אומפארטייאישען זייטיגען צושויער".

און טראץ אונזער גערעכטיגקייט האבען אונזערע פיהרער זיך נישט אזוי שנעל דעצידירט אויף אזא שריט. מיר האבען געוויס געוואלט פיהרען א קאמף אין די ראהמען פון פארלאמענטארישע מיטלען, ווי פראטעסטען און רעזאלוציעס, אבער ווי אזוי קענען מיר פיהרען אזא קאמף געגען די דאזיגע, וועלכע רעספעקטירען אליין נישט די בעשלוסען פון אונזער העכסטער אינסטאנץ ווי עס איז דער ציוניסטישער קאנגרעס. איך בין זיכער, אז עס געפונען זיך נאך א סך אויפריכטיגע צווישען די דאזיגע לינקע גרופירונגען וועלכע וועלען זיך אבשאקלען פון אזעלכע פיהרער און אזעלכע „געוויסענהאפטע" סאציאלע פערטיידיגונגען...

ל. קאפינסקי

טער האנדווערקער, אז אויף אנ'אלגעמיינע פערזאמלונג קאן מען און מען מעג רעדען, נו מילא, רעדט מען. דא איז דאך די בעסטע געלעגענהייט ארויסצואווייזען, אז ער איז נישט דארט עפיס א בטלן, א סוחר אדער א קליינהענדלער, נאר א ברודער - האנדווערקער. איז טאקי צוליעב אט די אלע טעמים, איז די פערזאמלונג דעם פערגאנגענעם זונטאג פארגעקומען און וועט נאך פארקומען מיט פארטזעצונגען, אזוי ווי עס פיהרט זיך ביי אלע אלגעמיינע פערזאמלונגען, וואס קומען פאר די לעצטע יאהרען ביים האנדווערקער-פאלק.

אז עס איז נאטירליך, זיי קענען נישט מיט איינמאל...

געפונען דעם אמת'ן תיקון...

אז די סעקוועסטראטארען זענען די אמת'ע קינסטלער ארויסצובעקומען געלד ביי דעם פערארימטען עולם, פון דעם ווייסען אלע, אבער אז זיי קאנען אויך מתקן זיין חפצים, וועל איך אייך וועגען דעם דערצעהלען.

אויף נאדרזעטשנא 44 וואוינט דאס פאר-פאלק שטאהל. ער, דער אלטער ר' משה האט סך-הכל 89 יאהר, און לעבען, לעבען, זיי ווייסט איין גאט פון וואנען.

זענען זיי אבער שולדיג געבליבען 5 זל. שטייערען, אפשר פאר מיעשקאניאווע אדער פאר עפיס אנדערש. דער עיקר איז די סעקוועסטראטארען זענען געקומען צו דעם פאר-פאלק נאכ'ן חוב און אזוי ווי זיי האפען אדורכגענישטערט די גאנצע שטוב און קיין געלד נישט געפונען (ווארים די אלטע לייט פערנעמען זיך נישט מיט מאכען פאלש געלד און אמת'דיג געלד האבען זיי שוין פערגעסען די צייט, ווען זיי האבען עס אמאל געזעהן) זענען זייערע ליכטיגע אויגען געפאלען אויף א פלושענעם פאלטא, וואס די יודענע האט זיך איהם געמאכט צו דער חופה און איז אלט סך-הכל איבער 50 יאהר.

געפונען אזא כשר'ע מציאה, האבען די סעקוועסטראטארען אראבגענומען א בויגען פאפיר, מיט וועלכען עס איז געווען צוגעדעקט דאס יום-טוב'דיגע געפעס, איינגעפאקט דעם פאלטען און אוועק.

עס האט נישט געהאלפען דאס געוויין פון דער אלטער באבע אין די תחנונים פון דעם 90-יעהריגען יוד, אז דאס איז דאס איינציגע אנדענקען פון זיין יוגענד, פון זיין ליעבע.

די סעקוועסטראטארען האבען מיט א חוזק-שמייכעל צוגעקלאפט די טהיר און אוועק ווייזען וואס זיי קענען.

דער אלטער משה איז פאר צרות פאראליזירט געווארען, דערפאר אבער האט דער פלושענער חופה-פאלטען געפונען זיין תיקון...

עס איז צונויף געקומען...

א בילדעל פון די היינטיגע פרנסות, וויל איך אייך דא דערצעהלען.

האט א יוד, א טרעגער אפילו, זיך געלעבט זיין גאנץ לעבען בכבוד. אמת, געארבייט האט ער זעהר שוועהר און ביטער אויפ'ן ברויט, דערפאר אבער ווען ער איז אהיימגעקומען אויף דער נאכט, האט ער גענומען זיין פלייט, (ער האט דאס מיטגעבראכט פון דער רוסישער קאזארמע, ווי ער האט געשפילט אין דער מוזיקאנטסקע קאמאנדע) און אויף איהר אויסגעשפילט אלע טעאטער נגינים און פאלקס לידלעך.

זיינע קינדער, די עלטסטע 2 יונגלעך האבען זיך שוין געלערנט שפילען אויף פידעל, מיט נאטען אז"וו.

האט פיעל מאל געטראפען, אז אויף דער נאכט, אדער ווער שמועסט א שבת-צונאכטס אדער א מוצאי יום-טוב, האט דער פאטער (אויף דער פלייט) און די קינדער (אויף די פידלען) זיך אוועקגעלאזט אין א קאנצערט אזוי, אז אלע שכנים האבען אנגעקוואלען.

זענען אבער אנגעקומען ביטערע צייטען. די פערדינסטען אין גאס האבען איינגאנצען אויפגעהערט, דער עלטערער זוהן וואס האט געארבייט ביי א שניידער, איז געווארען ארבייטסלאז. דאס קלענערע יונגעל, וועלכער האט געלערנט אין דער שולע, האט נישט געהאט מיטצונעמען קיין שטיקעל ברויט איז מען נאך לאנגע טראכטענישען געקומען צום פאלגענדען מיטעל. היות ווי די יונגלעך קענען שפילען, וועלען זיי אוועק איבער דער וועלט, שפילען אויף די הויפען. אפשר וועלען זיך מענשען מרחם זיין און גאט וועט צוהעלפען...

שוין עטליכע וואכען ווי דער ארקעסטער פון דער אויבענדערמאנטער פאמיליע האט „פערשטרייקט" און דער פלייט-סאלא איז אויך פערשטומט געווארען, דערפאר אבער דרעהען זיך ארום צוויי יונגלעך איבער די שטעדט פון פוילען און שפילען אויף זייערע פידעלעך, וואס זיי האבען געקויפט, כדי זיך אויסצובילדען מוזיקאליש, שפילען זיי פערשידענע אפערעטען און פאלקס-לידלעך, כדי צו פערדינען פאר זייערע יונגע קערפערס און אויך פאר זייערע ארעמטליכע עלטערן אויף א שטיקעל ברויט.

לויתן.

דער יובל.

אין הייריגען יאהר ווערט 35 יאהר זינט עס איז ענטשטאנען אין אונזער שטאדט די האנדווערקער - שולע, און גראד היינט דעם 1-טען יולי ווערט 10 יאהר, זינט עס האט אין דער דאזיגער שולע איבערנומען דעם אמט אלס דירעקטאר דער אינזש. פּרזשיסוסקער.

וועגען דער טעטיגקייט פון דעם דאזיגען אזוי וויכטיגען אנשטאלט אין משך פון זיין 35-יעהריגער עקזיסטענץ, בעמיהען מיר זיך צו בעקומען די נויטיגע מאטעריאלען און מיר וועלען אין די נאהנטסטע נומערן פון אונזער צייטונג געבען א ברייטערן איבערזיכט איבער דעם, איצט וויל איך נאר אויסנוצען דאס, וואס גראד היינט ענדיגען זיך די 10 יאהר זינט ה' פּרשיסוסקער פערנעמט זיין אמט און איך וויל ווידמען עטליכע ווערטער זיין 10-יעהריגער טעטיגקייט אלס דירעקטאר פון דער שולע.

אז ה' פשיסוסקער איז א פעהיגער און ענערגישער מענש זענען מודה אפילו זיינע געגנער (אויב אזעלכע זענען פערהאנען), דאס בעווייזט אויך דאס, וואס אפילו אין די שווערסטע יאהרען פון קריזיס ווען כמעט אלע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס זענען געבליבען פאראליזירט, האט די האנדווערקער-שולע נישט אבגעשטעלט איהר טעטיגקייט.

מיר האבען געזעהן ווי די שטארקסטע אנשטאלטען, וועלכע זענען געשטאנען אויף פעסטע יסודות האבען אין דער שלעכטער צייט געמוזט אינגאנצען אדער טיילוויז אבשטעלען זייער טעטיגקייט ווען די האנדווערקער-שולע האט נארמאל פונקציאנירט און ערפילט איהרע וויכטיגע אויפגאבען.

און דאס איז אין דער צייט ווען די יק"א דעקט קוים א קליינעם טייל פון די אויסגאבען, פון מאגיסטראט בעקומט זי נישט קיין סובסידיום און די קהלה גיט א מינימום, איז דאס אהן ספק א זעהר גרויסע זאך ווען דער בילאנס פון דער שולע ווייזט אז אין משך פון לעצטען יאהר איז אבגעצאלט געווארען א חוב, וואס האט פערקלענערט דעם דעפיציט מיט 14 טויזענד זלאטעס, און אויפ'ן גייעם יאהר וועט דער דעפיציט זיין מיט 5 טויזענד זלאטעס ווייניגער.

און דאס געווינס מוז מען צושרייבען אומבעדינגט די אונערמידליכע און אינטענסיווע ארבייט פון דירעקטאר ה' פשיסוסקער, וועלכער פיהרט אן מיט דער גאנצער ארבייט אין אלע צווייגען און געביטען פון דער דאזיגער אינסטיטוציע.

דיר. פשיסוסקער האט געענדיגט א רעאל-שולע אין ווארשא, שפעטער א פאליטעכניקום אין דייטשלאנד, וואו ער האט פראקטיצירט עטליכע יאהר. און ווען ער איז אין יאהר 1922 צוריקגעקומען קיין ווארשא, האט ער אנגענומען דעם אמט אין דער היגער שולע, וועלכען ער פערנעמט ביז'ן היינטיגען טאג.

ווען ער האט דעם אמט איבערנומען זענען אין דער שולע געווען טעטיג 2 אבטיילונגען: א מעכאנישע שלאסעריי און טישלעריי. ער האט אבער איינגעארדענט אויך עלעקטראטעכניק און ארגאניזירט די אווענד-קורסען פאר לערן-יונגלעך פון האנדווערקער און בעלי-מלאכות.

די דאזיגע שולע איז די איינציגע אינסטיטוציע אין אונזער שטאדט און אפשר אויך אין פיעל אנדערע שטעדט, וואס ארבייט אהן דעפיציט און דאס א דאנק דער ארגאניזאטארישער פעהינקייט, לאגישער און זאכליכער פערשטענדניס מיט וועלכער ה' פשיסוסקער לייטעט מיט דער דאזיגער שולע.

וואונשען מיר איהם לאנגע יאהרען פון פרוכטבארער טעטיגקייט און ערפאלגרייכע דערגרייכונגען לטובת דער יודישער יוגענד, וועלכע זאל דערצויגען ווערען פיזיש און גייסטיג געזונד אלס יודען און מענשען.

ש. פראנק

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון האנדווערקער-פערבאנד.

זונטאג, דעם 26 יוני, פונקטליך צום אנגעוויזענעם טערמין 7 אווענד, עפענט דער פרעזעס ד"ר גייסלער די אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער ארטיגער אבטיילונג פון האנדווערקער-פערבאנד. אלס פארזיצענדער פון דער פערזאמלונג ווערט אויסגעוועהלט יעקב לעווקאוויטש, וועלכער לעגט פאר פאר'ן צוטרעטען צום טאג-ארדנונג צו בעעהרען מיט אויפשטעהן די פערשטארבענע מיטגלידער, וואס די פערזאמעלטע טהון איינשטימיג.

גרויס אויפזעהן האט ארויסגערופען צווישען די מיטגלידער דאס בעווייזען זיך אין זאל פון די ה"ה וויצן און איילענבערג, וועלבער גיבען איבער א לעבעדיגען גרוס פון די ברידער-האנדווערקער פון יענער זייט ים. די געסט בעלעגען 25 דאלאר פאר ארימע בעלי-מלאכות, וואס זיי האבען מיטגעברענגט. די דעלעגאטען ווערען אויפגענומען מיט רוישיגע אפלאדיסמענטען.

דער פאריעהריגער פראטאקאל, וועלכען עס לעזט פאר דער סעקרעטאר ה' ווינער, ווערט איינשטימיג בעשטעטיגט.

איבער דער טעטיגקייט פון דער פערוואלטונג גיט אב א בעריכט דער וויצע-פרעזעס ה' דזיאלאווסקי, וועלכער ווייזט אן צוליעב וואסערע סבות די פערוואלטוג האט גערופען די אלגעמיינע פערזאמלונג, אין וואסערע קריטישע בעדינגונגען עס געפונט זיך דער יודישער בעל-מלאכה.

ער ווייזט אן ווי אזוי די פערוואלטונג האט געארבייט אויפ'ן געביעט פון סקארב, גמינע, רעטונגס-קאמיטעט אז"וו.

אין דער דיסקוסיע נעמען אנטייל די ה"ה: זיידמאן, פלאמענבוים, גאלדבערג, מ. אופנער א"א.

צוליעב דער שפעטער שעה ווערט די אלגעמיינע פערזאמלונג אבגעלעגט ביז'ן קומענדען זונטאג.

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון „לינת-הצדק".

זונטאג אווענד איז ביי א קליינע צאהל אנוועזענדע מיטגלידער פארגעקומען די אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער געז. „לינת-הצדק".

די פערזאמלונג עפענט דער וויצע-פרעזעס ה' זילבערשטיין און לעגט פאר אלס פארזיצענדען פון דער פערזאמלונג דעם ה' פוטערקא, וועלכער ווערט אויך איינשטימיג אנגענומען. אלס אסעסארען ווערען פערבעטען די ה"ה מ. שווארצבוים און ה. טריימאן און אלס סעקרעטאר ה' י. ראזינער.

נאכ'ן בעשטעטיגען דעם טאג ארדנונג ווערט פארגעלעזען דער טעטיגקייטס בעריכט פאר'ן יאהר 1931 פון וועלכען ס'איז צו זעהען דאס די געזעלשאפט האט געפיהרט א פערצווייגטע טעטיגקייט, ווי: ערטיילט א גרויסע צאהל מעדיצינישע הילף דורך קאבינעט וויזיטען ביים דאקטאר ווי אויך ארצטליכע בעזוכען ביים קראנקען אין דער היים.

אויסער דעם האט די געזעלשאפט ארויסגעגעבען רעצעפטען נישט נור פאר די קראנקע וועלכע האבען בעקומען דעם דאקטאר דורך דער געזעלשאפט, נור אויך אנדערע קראנקע וועלכע האבען בעקומען מעדיצינישע הילף דורך אנדערע דאקטוירים.

די טעטיגקייט איז ערגענצט געווארען דורך ארויסבארגען פערשידענע מכשירים, ווי: וואננעס באסענעס א.ד.ג.

דער הוצאות-בודזשעט פון דער געזעלשאפט אין פערלויף פון פערגאנגענעם יאהר האט בעטראפען איבער 9000 זל. דערויף זענען געווען הכנסות נור קנאפע 8000 זל. די געזעלשאפט האט דעריבער אנגעהויבען איהר נייע טעטיגקייטס-יאהר מיט א דעפיציט פון איבער 1200 זל.

דער דעפיציט האט געצוואונגען די פערוואלטונג צו רעדוצירען די הוצאות מיט 30 פראצ. ד. ה. ביז 6200 זל., אויף וועלכע ס'ווערט פארגעזעהען רעאלע דעקונג.

נאכ'ן בעשטעטיגען דעם בעריכט און דעם בודזשעט אויפ'ן לויפענדען יאהר, איז אויסגעוועהלט געווארען פער אקלאמאציע פאלגענדע פערוואלטונג: ה"ה א. האמבורגער, ד"ר י. ליפינסקי, י. זילבערשטיין, ב. זשעריקער, א. מיענטקעוויטש, מ. סודאוויטש, י. מ. קרעל, א. יורקעוויטש, א. פאזניאק, י. בעם, י. בוגאיער און פרוי ד"ר סארנא. אלס קאנדידאטען ה"ה: ישעיה לוקסענבערג און אהרן קאנגרעצקי.

רעווידיר קאמיסיע, ה"ה: ש. געווערצמאן, וו. גאסטינסקי און ה. גרונדמאן.

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון פרויען-פעראיין „עזרה".

אין אייגענעם לאקאל איז פארגעקומען די אלגעמיינע פערזאמלונג פון פרויען-פעראיין „עזרה".

די פערזאמלונג עפענט פרוי וועקסלער, וועלכע ערקלערט, אז היות די פערזאמלונג קומט פאר אין צווייטען טערמין איז זי גילטיג ביי יעדער צאהל אנוועזענדע.

אלס פארזיצענדער פון דער פערזאמלונג ווערט אויסגעוועהלט פרוי טשענסטאכאווסקא, אלס סעקרעטארין פרוי ווארשאווסקא, אלס אסעסארין פרוי אש און פרוי דאווידאוויטש אלס דעלעגאטין פון דער היגער „דאבראטשינאשטש".

עס ווערט פארגעלייענט דער בעריכט פון דער טעטיגקייט, פון וועלכען עס איז צו זעהן, אז דער פעראיין צעהלט 380 מיטגלידער, וועלכע האבען אין דעם דאזיגען בעריכטס-יאהר אריינגעטראגען אין דער קאסע פון פעראיין —.2316 זל. אויסער אנדערע איינקונפטען.

די טעטיגקייט פון דעם פעראיין פערצייכענט צווישען אנדערן, אויסער דאס פונאנדערטיילען פאר ארימע קראנקע מעהל, מילך, צוקער, אייער, ווי אויך נייע וועש, ווערט געפיהרט א ספעציעלע אקציע פון זאמלען געניצטע וועש און מלבושים, וועלכע ווערען פערטיילט צווישען יודישע ארימע און קינדער, וועלכע שטעהן אונטער דער אויפזיכט פון „דאבראטשינאשטש".

אין בעריכטס - יאהר איז צוזאמען פערטיילט געווארען 5182 ליטער מילך, 480 אייער, 280 קג. מעהל, 104—צוקער און אויך א געוויסע צאהל וועש און שטיצע אויף קוראציע, צוזאמען אויף א סומע פון 3089 זל.

אין בעריכט ווערט אונטערגעשטראכען, אז טראץ די שווערע בעדינגונגען אין וועלכע דער פעראיין געפונט זיך איז די ארבייט דאס יאהר נישט קלענער געוועזען ווי אין די פערגאנגענע יאהרען.

דאן ווערט פארגעלייענט דער פראטאקאל פון דער רעוויזיאנס - קאמיסיע וועלכע בעשטעטיגט די גאנצע בוכפיהרונג אין פולשטענדיגען ארדנונג.

דער בעריכט ווערט דאן דורך די פערזאמעלטע אנגענומען.

דאן ווערט בעטראכט און בעשלאסען דער גרויס פון בודזשעט אויפ'ן קינפטיגען יאהר אין דער סומע פון 6000 זל.

צום סוף ווערט אויסגעוועהלט א פערוואלטונג אין וועלכער עס זענען אריין די פרויען: ב. וועקסלער, דאווידאוויטש, ראזענטאל, ליפינסקא, געריכטער, גוטמאכער, קאזשושניק, קאפלאן, גליקסמאן, העפטלער, ציגלער, ערליך, ליפשיץ, קאפינסקא. אלס פערטרעטערינס: קרעמסקא, הערצבערג און רושין. אין דער רעוויזיאנס-קאמיסיע: נ. קאהן, גרעניעץ, אש און ה' נאטאן קאהן.

דערמיט איז די פערזאמלונג פערענדיגט געווארען.

די פאהן - פייערונג ביים בעקער - צעך.

פערגאנגענעם מיטוואך 4 א זייגער נאכמיטאג איז אין אייגענעם לאקאל אלעע 12 פארגעקומען די פייערליכע ענטהילונג פון בעקער-צעך-פאהן.

די ביהנע איז דעקארירט מיט'ן האנדווערקער-פאהן און אנדערע פעהנער פון די צעכען.

צו די פייערונג זענען געקומען א גאנצע רייהע געזעלשאפטליכע כלל-טהוער, פארשטעהער פון דער פאליציי, געזונדהייטס-אמט, קאמונאלע מאכט, האנדווערקער-קאמער, פון פוילישע צעכען, אויך איז געקומען צו דער פייערונג דער חשוב'ער רב ר' נחום אש שליט"א.

די פייערונג עפענט פרעזעס ד"ר גייסלער, וועלכער בעגריסט די פארשטעהער פון דער מאכט און אנדערע געזעלשאפטליכע טהוער, ווי אויך די פרעסע פארשטעהער. דאן ווערען איינגעלאדען צום פרעזידיום טיש די מיטגלידער פון דער פאהן-קאמיסיע אין די פערזאנען: ה. אופנער, מ. גאלדבערג, פישל ווינדמאן, זלמן ווינדמאן. מ. הערמאן, יחזקיאל גאטיינער און יוסל גאלדבערג.

דעם חשוב'ן רב ווערט דאן צוגעטהיילט דער כבוד צו ענטהילען די פאהן. דערביי האלט דער רב א קורצע אבער שעהנע רעדע, אין וועלכער ער פיהרט אדורך די געדאנקען וועגען דער בעדייטונג פון א פאהן: א פאהן איז דער סימבאל פון אחדות — „ואהבת לרעיך כמוך" — און רופט צו אחדות, שלום און ברודערליכקייט.

חזן באדאש זינגט דאן מה טובו און

פאקטען און בילדלעך.

„יעדינקא וויגריוואַ, דוואיקא פשעגריוואַ".

איהר געהט אין גאס טרעפט איהר אמהערסטענטייל אין די זייטיגע גאסען, א געזעמעל מענשען, וועלכע שטעהען און קוקען זיך צו זעהר פעראינטערעסירט צו א געוויסען שפיעל.

איהר בעטראכט נעהנטער דאס שפיעל און זעהט: אז אויף א פיערקאנטיג בענקיל ליגען דריי קארטען מיט וועלכע עס מאנעווירט א „מייסטער" און שרייט אויס צום פערזאמעלטען עולם: ווער עס שטעלט א זלאטי, קאן געווינען 2 זלאטעס, ווער עס שטעלט 2 זל., געווינט 4. נאר קיינער ריהרט זיך נישט פון ארט, קיינער וויל נישט פרובירען ס'גליק. נאר פון דער זייט קומט אן איינער א „אונבעקאנטער", וועלכער מאכט א נאאיוו פנים און פרעגט זיך וועגען וואס דא האנדעלט זיך, גיט איהם דער „מייסטער" צו פערשטעהן די גאנצע תורה נאכאמאהל אויפסניי: אז אין די דריי קארטען זענען פערהאנען 2 צווייערלעך און איין איינסעל. איז ווער עס טרעפט דאס איינסעל, דער געווינט 2 מאהל אזוי פיעל וויפיעל ער שטעלט און ווער עס טרעפט אויף דעם 2-טעל דער פערשפילט.

דער „אונבעקאנטער" הויבט אן צו מוסר'ן דעם „מייסטער", אז ער זאל גאר נישט מאכען קיין שקרות, ווארים ער וועט זיך נישט לאזען. דער מייסטער לאזט זיך אויך נישט בלאזען אין דער קאשע אריין, ווארים ער איז נישט עפעס דארט קיין ליגנער אדער א גנב, נאר ארבייט ערליך אויף זיין שטיקעל ברויט... און ווי גאט העלפט אזוי לעבט מען.

— דאן נשמט דער „אומבעקאנטער" ארויס א גילדען און די הענד זיינע ציטערען בעת מעשה און מיט די זעלבע ציטערדיגע הענד שטעלט ער אוועק דעם גילדען אויף דער קארט און.. טרעפט אויף דער „יעדינקא" און געווינט 2 זלאטעס. ווערט דער שפילער דרייסטער און שטעלט גאנצע 2 זלאטעס און די „הצלחה" דינט איהם ווייטער און געווינט 4 זלאטעס. דער „מייסטער" צאהלט איהם אויס דאס געלד און דערביי שעלט ער כלומרש'ט דערפאר, ווייל אלץ געווינט...

מיט דעם ענדיגט זיך דער ערשטער אקט, און ווייטער שרייט דער „מייסטער אויס מיט זיין קול: ווער שטעלט? יעדינקא וויגריוואַ, דוואיקא פשעגריוואַ", נאר דער עולם ווערט ווייטער נישט נתפעל פון דעם נאר וואס פארגעקומענעם גליק-געווינס און קיינער רופט זיך נישט אפ. אין דער זייט געפונט זיך עפעס א פויער, וועלכער האט אבגעלייזט די פאר גילדען פאר די געבראכטע תבואות, הויבט ער זיך עפעס אן גראבלען אין דער הינטערשטער קעשענע, נאר זעהענדיג, ווי דער גאנצער ארומשטעהענדיגער עולם, האט א שעלמישען שמייכעל אויף די ליפען, לאזט ער פערפאלען די הענד אין דער קעשענע און ציהט זי נישט מעהר ארויס.

— „יעדינקא וויגריוואַ, דוואיקא פשעגריוואַ", הערט זיך ווייטער דאס קול און באלד רייסט זיך נאך איינער, וועלכער דערצעהלט, אז ער האט די לעצטע פאר גילדען. פון א „וויפלאטע" געהט ער, זאל ער וויסען דער „מייסטער, אז ער זאל זיין עהרליך, אז נישט מאכט ער איהם אומגליקליך, וועלען זיין פרוי און קינדער האבען צו וויינען—ער שטעלט איין א זלאטע און פערשפילט... הויבט ער אן צו ביטערען. זאגט יענער: פערפאלען, האסטו נישט געברויכט צו שטעלען, איך האב דאך נישט גענייט... הכלל, ער שטעלט נאך א זלאטע און... געווינט. שטעלט ער 2 זלאטעס און געווינט 4. שטעלט ער 4 און געווינט 8. כאפט ער שוין די געוואונענע פאר גילדענס און אויסשרייענדיג הויך אויפ'ן קול, אז אלע זאלען הערען: אט לויף איך אהיים צו מיין ווייב און קינדער מיט א כשר'ע מציאה און באלד ווערט ער פערשוואונדען.

קיינער פון עולם ווערט אבער ווייטער נישט בעגייסטערט פון דער כשר'ער מציאה. פלוצים וואקסט אויס פון אונטער דר'ערד עפיס א שייגעץ וואס נעמט צו דאס בענקעל און דער מייסטער ווערט פערשווינדען מיט זיינע געהילפען. וואס איז? א פאליציאנט האט זיך בעוויזען אין יענעם עק גאס...

אין א האלבע שעה שפעטער וועט איהר דאסזעלבע טישעל טרעפען אין אנ'אנדערע גאס, וואו עס חזר'ט זיך איבער דאס גאנצע שפיעל, וואס מיר האבען אויבען געשילדערט.

— — — — —

פונדעסטוועגען טרעפט אויך און נישט זעלטען, אז א נאאיווער פערבייגעהער ווערט פערכאפּט פון די דאזיגע גליקען און פערשפילט זיינע לעצטע פאר זלאטעס ביים „גליק-טישעל" וואו „יעדינקא וויגריוואַ און דוואיקא פשעגריוואַ".

דאס גרויסע געווינס...

ער אליין קומט ארויס פון א בעל-הבית'יש הויז פון א אנשטענדיגע, אנגעזעהענע טשענסטאכאווער פאמיליע.

נאך דער חתונה האט ער זיך גענומען צו פאבריקאציע, וועלכע איז איהם אוועק נישט שלעכט און ער האט געפיהרט א פיין בעל-בתיש הויז.

האבען זיך אבער אנגערוקט די היינטיגע שווערע ביטערע צייטען, די פראדוקציע (בוי-ארטיקלען) איז היינט נישט גאנגבאר, האט מען אזוי לאנג געארבייט ביז עס האט זיך אליין אבגעשטעלט, האט מען עטליכע חדשים נעגעסען פון דעם וואס מען האט געהאט אבגעשפארט און געהאפט, אולי, אפשר וועט מען דאך אנהויבען בויען, און אז מען האט אבער ווייטער נישט אנגעהויבען בויען, איז טאקי נישט געווען פון וואס צו מאפען א לעבען.

און אין שטוב האט אנגעהויבען צו ווערען פון טאג צו טאג אלץ ערגער און אין מח האבען זיך פערגנב'עט שווארצע מחשבות וועגען מארגען...

איינמאל, זיצענדיג אזוי אין דערהיים פערזינקען אין טרויעריגע געדאנקען, האט ער גענומען א דאמען-מאדע-זשורנאל אין דער האנד אריין און מיט דער בליי, וואס ער האט געהאלטען אין דער רעכטער האנד האט ער אנגעהויבען נאכצומאהלען די בילדלעך. היות אבער ווי ער האט שטענדיג געהאט טאלאנט צום מאהלען איז איהם א גליקליכער געדאנק געקומען אין קאפ אריין, דהיינו: ער וועט מאהלען, ער וועט נאכקאפירען די עכטע מאדע - זשורנאלען און זיי פערקויפען די שניידער.

פון דאמאלס אן איז דאס הויז פון דעם געוועזענעם פאבריקאנט אויפגעריכט געווארען. א קלייניגקייט, ער פערדינט גאנצע 6 גילדען טעגליך.

ער אליין בעריהמט זיך, אז ער האט געוואונען דאס גרויסע געווינס...

סמאל

מאכט מי שברך'ס דעם פרעזידענט מאשציצקי און מארשאל יוזעף פילסודסקי. די מוזיק אונטער דער לייטונג פון ה' זיידמאן שפילט דעם פוילישען און יודישען הימן.

מאג. זארסקי, גיט דאן א איבערבליק איבער דער ענטשטעהונג פון בעקער-צעך, זיין ענטוויקלונג און טעטיגקייט ביז'ן היינטיגען טאג, ווען עס ווערט געפייערט די ענטהילונג פון צעך-פאהן.

דאן קומט פאר די צערעמאניע פון אריינקלאפען די נעגעל אין די פאהן און איינער נאכ'ן אנדערן, אזוי גוט פארשטעהער פון א רייהע אינסטיטוציעס ווי אויך מעהל סוחרים און האלץ סוחרים און דאן פארשטעהער פון צעכען קלאפען אריין נעגעל און זענען מנדר גרעסערע און קלענערע סומען אויפ'ן פאהן-פאנד און אנדערע צוועקען.

די פייערונג, וועלכע איז געווען זעהר אימפאזאנט האט זיך פערצויגען עטליכע שעה נאכאנאנד.

אין אווענד איז פארגעקומען א גרויסער באנקעט אויף וועלכען עס איז געווען פערזאמעלט א גרויסע צאהל אנוועזענדע. דער עולם האט זיך געוויילט ביז אין ווייסען טאג אריין.

די פייערליכע פערטיילונג פון מאטורעס אין יודישען געזעלשאפטליכען גימנאזיום.

פערגאנגענעם מיטוואך אווענד איז אין יודישען גימנאזיום פארגעקומען דער פייערליכער אקט פון פערטיילען די מאטורעס צווישען די שילער און שילערינס, וועלכע האבען היי-יאהר געענדיגט די שולע.

עס זענען געווען אנוועזענד די אבסאלווענטען מיט זייערע עלטערן, די פערוואלטונג פון דער שולע, און אלע פראפעסארען מיט'ן דירעקטאר אין דער שפיץ.

ביי א זעהר יום-טוב'דיגער שטימונג וואס הערשט אין זאל און ביי א געוויסער שפאנונג צווישען די אנוועזענדע נעמט דאס ווארט דיר. פראסט, וועלכער זאגט, אז אין יעצטיגען מאמענט בעהערשט אלעמען א פרייד און א צער. א פרייד—ווייל ס'איז דאך א פייערליכער אקט, און א צער—ווען מען שטעלט זיך פאר דעם דערנער-וועג, וואס א יודישער אבסאלווענט האט אדורכצומאכען, וועלענדיג דערגרייכען זיין ווייטערן ציעל. ער דאנקט די אבסאלווענטען פאר זייער מיהפולער ארבייט און וואונשט זיי ערפאלג אין זייער ווייטערן לעבענס-וועג.

א זעהר שעהנע העברעאישע רעדע, וועלכע ער זעצט שפעטער איבער אויף פויליש האלט פראפ. יצחק לאוער, דאן פראפ. גרינבערג און פערוו.-מיטגליד ה' פ. שפירא. אלע רעדנער בעטאנען די שווערע לאגע אין וועלכער עס געפונען זיך די אבסאלווענטען, וועלכע ווילען זיך בויען א צוקונפט אין לעבען דורך זייער שטודיום און גיבען זיי צו מוטה זיך נישט אבצושטעלען פאר קיין שום שטרויכלונגען און מיט'ן כח פון יודיש-נאציאנאלען גייסט זאלען זיי שטאלץ און מושיג פיהרען דעם קאמף פאר זייער עקזיסטענץ.

פון די אבסאלווענטען ענטפערט ל. קורלאנד אין א שעהנער העברעאישער רעדע, אין וועלכער ער דריקט אויס דעם איניגסטען דאנק דעם דירעקטאר, די לעהרער און ערציהער פון דער שולע און זאגט צו צו בלייבען טריי און איבערגעגעבען דעם אין זיין הארץ איינגעפלאנצטען נאציאנאלען גייסט.

אבסאלווענט באכענעק רעדט אין דער פוילישער שפראך אין דעם זעלבען גייסט און דאנקט דער לעהרערשאפט און איבערהויפט דעם דירעקטאר.

עס קומט דאן פאר דאס פערטיילען די מאטורעס. יעדען אבסאלווענט דריקט דער דירעקטאר די האנד און ווינשט איהם ערפאלג אין זיין ווייטערען וועג.

ביי א פייערליכער און בעגייסטערטער שטימונג פערלאזען די פערזאמעלטע דעם זאל.

צו אלע יודישע ארבייטער און פאלקס-מאסען, צו דער יודישער ארבייטער און ארבייט שטרעבענדער יוגענד אין פוילען!

חברים!

דער גרעסטער בעוויז פון גרעניצלאזער אחריותלאזיגקייט מצד די רעוויזיאניסטען צום זיך בויענדען ארץ-ישראל, וועלכער איז געקומען צום אויסדרוק אין זייער באיקאט-רוף, כלפי די נאציאנאלע קרנות, פאדערט פון די ארץ-ישראל טרייע ברייטע פאלקס-מאסען א פערשטארקטע אנשטרענגונג פאר'ן קרן קימת און קרן היסוד. מיר פאדערן פון אונזערע טויזענדער חברים זיך צו שטעלען בראש פון דער דאזיגער פערגרעסערטער אנשטרענגונג, אויפ'ן אחריות'לאזען רוף צו בגידה זאל קומען דער מעכטיגער ענטפער פון ממשות'דיגער טהאט.

די שטילע פריינט פון די על תנאי-ציוניסטען און רוה-פויזעס אידעאלאגען בענוצען מערקווירדיגערווייז די רעוויזיאניסטישע הפקרות, נאר צו א קאמף געגען דער ארבייטערשאפט אין ציוניזם. ס'איז א צייט פון א רעאקציאנערער כוואליע אין דער וועלט און מען וויל, ווייזט אויס, נישט פערבלייבען הינטערשטעליג. מיר זענען עדות אין די לעצטע טעג פון א קאמפאניע געגען דער ארבייטערשאפט אינ'ם ציוניזם, וועלכע פערשווייגט און פערדרעהט פאקטען, זויגט אויס פונ'ם פינגער טאטזאכען און היט נישט אב דעם קלענסטען שמץ פון אמת.

מען דערצעהלט דער עפענטליכקייט וועגען דעם גרויסען פראצענט סערטיפיקאטען פאר דעם „החלוץ", וואס איז אויף הכשרה און מען דערמאנט נישט, אז דער דאזיגער פראצענט בעציהט זיך אויף איין דריטעל פון די פאר פוילען בעקומענע סערטיפיקאטען, ווייל צוויי דריטעל זענען פון פאראויס בעשטימט געווארען פאר א נ ד ע ר ע קרייזען; מען רעדט וועגען חלוצישע הכשרה-קבוצים, וואס ווערען מכלומרשט אויסגעהאלטען דורך ציוניסטישע פאנדען, בעת מען ווייסט גאנץ גוט, אז די הכשרה-קבוצים ווערען בראש וראשונה און צום איבערוויגענדסטען טייל אויסגעהאלטען פון דער פיזישער פראצע אויפ'ן טארטאק, אין פעלד, אין פאבריק און ביי שטיינהאקעריי פון די חברים גופא; מען נעמט זיך מכלומרשט אן די קריוודע פון דעם מיטעלשטאנד און מען פערגעסט צו דערצעהלען אז דוקא די ארבייטער ווילען א ווירקליכע הילף פאר'ן מיטעלשטאנד ביים קאלאניזירען אין ארץ-ישראל, נאר זיי בעקעמפען יענע, וואס ווילען מאכען א פאליטישען מסחר פון דער נויט פונ'ם מיטעלשטאנד און קאנקרעט האבען זיי ביז היינט נישט געטהון פאר'ן מיטעלשטאנד דאס מינדעסטע.

מען פרובט צו פערטושען דאס הערליכסטע אינ'ם ציוניזם, זיין סאציאל פראגרעסיווען כאראקטער, וואס נאר ער קאן געבען מוט און אויסדויער אהן א גרעניץ ביים אויסטריקענען זומפען און פלאסטערן וועגען, ביים פערוואנדלען וויסטעניש אין פרוכטבארקייט, זאמדען אין בליהענדע גערטנער.

רופען מיר אייך, חברים און פריינד, צו ענטפערען אויף דעם אלעם מיט א פערשטארקטער קאנקרעטער טהאט פאר א"י, טראגט אין דער יודישער גאס די בשורה פונ'ם ווירקליכען א"י ווערק, קלערט אויף יעדען מאסען-מענש וועגען וואס עס געהט דער קאמף, לאזט נישט פערקריפלען און פעלשען דעם ווירקליכען זין פון אינזער גרויסער בעפרייאונגס-טהאט אויף די פעלדער פון יהודה און שומרון, אין עמק און גליל.

דער ארץ-ישראל-ישוב האט ביי די וואהלען אין תל-אביב בעוויזען, אז ער טרייסעלט זיך אב פונ'ם רעוויזיאניסטישען אוואנטוריזם. 3,6% שטימען האבען בעקומען די רעוויזיאניסטען אנשטאט 22 פראצענט שטימען מיט 17 חדשים צוריק. קנאפע 32 פראצענט שטימען האט אבער בעקומען די הסתדרית העובדים ביי די יעצטיגע וואהלען, טראץ דעם וואס פיעל הונדערטער ארבייטער האבען נישט געהאט קיין וואהל-רעכט צוליב דעם הויכען שטייער-צענז. אזוי האט דער ישוב אין לאנד געענטפערט אויף קאלע, אויף דער פאלקסציילונגס-אוואנטורע, אויף די רוה - פויזעס וכ"ו. וועגען זייער לעצטער שאנד-טהאט, דעם בויקאט פון די ראציאנעלע פאנדען, האט דער ישוב נאך נישט געוואוסט. די יודישע מאסען אין פוילען ווייסען שוין אויך דאס. איצט האבען זיי שוין דערזעהן דעם אמת'ן פרצוף-פנים און א"י-ליבע פון די רעוויזיאניסטען. די יודישע מאסען אין פוילען, די יודישע יוגענד וועלען זיך זאמלען ארום דער קאנקרעטער א"י-טאט און אבשטויסען פון זיך די פרעדיגער פון בגידה און אלע זייערע שטילע שותפים.

צענטראל-קאמיטעט פון דער ליגע פאר'ן ארבייטענדען א"י אין פוילען.

יודישער הילפס - קאמיטעט פאר קריזיס-געליטענע אין טשענסטאכאוו

דין-וחשבון פון 1.5 ביזן 29.6 1932.

הכנסה. סאלדא אויפ'ן 1.5 554.35 פראצענט פון באנק 8.85, נדבות 18.45 צוריקגעהענדע סומעס ‎—.50, מאנאטס-בייטראג 1149.57. צוזאמען 1776.22 זל.

הוצאות. בעשפייזונגס-אקציע ‎—.115 אויסגאבען 458.80, שטיצע במזומנים 1207.42 צוזאמען 1776.22 זל.

אויפ'ן גרונד פון בעשלוס פון דער עקזעקוטיווע, ווערט דער יודישער הילפס-קאמיטעט פאר קריזיס-געליטענע ליקווידירט, אנהויבענדיג דעם 30-טען יוני 1932. אויב די לאגע וועט זיך נישט ענדערן צום בעסערען, וועט דער קאמיטעט זיך ווענדען אין די קומענדע ווינטער-חדשים צו דער יודישער געזעלשאפטליכקייט וועגען בענייען די טעטיגקייט. גלייכצייטיג דאנקט דער קאמיטעט דער געזעלשאפט פאר געגענזייטיגער הילף „אחיעזר" פאר די געשפענדעטע לטובת דעם קאמיטעט 200 זל. די עקזעקוטיווע.

פראטאקאל פון דער רעוו.-קאמיסיע.

מיר אונטערגעשריבענע מיטגלידער פון דער רעוויזיאנט-קאמיסיע ביים יודישען הילפס-קאמיטעט בעשטעטיגען דערמיט, אז מיר האבען דעם 29 ד.ח. אדורכגעפיהרט א גענויע רעוויזיע פון די ביכער פון הילפס - קאמיטעט פון אלע קוויטונגען, סיי פון די הכנסות, סיי פון די הוצאות און מיר האבען פעסטגעשטעלט, אז אלץ שטימט און אז אלץ איז אין דער בעסטער ארדנונג. די רעוויזיע איז אדורכגעפיהרט געווארען פאר דער צייט פון 1,5 ביז'ן 29.6 1932.

ל. סאיקא, וו. זשעריקער, י. ענגעל. דעם 29.6 1932.

פון „הרצליה".

שבת איז אויפ'ן אייגענעם פלאץ פון „הרצליה" (קאשציושקי 16) פארגעקומען א אספת-הקן אונטער דער אנפיהרונג פון דעם ראש-הקן אח קארטוז.

די ראשי-קבוצות גיבען אן א בעריכט פון די ביז יעצטיגע טעטיגקייט. דאן ווערען ארומגערעדט פערשידענע פראגען פון דער ארגאניזאציע.

היינט פרייטאג קומט פאר א בלימעל-טאג איינגעארדענט דורך „הרצליה". די גאנצע הכנסה איז בעשטימט לטובת די „הרצליה"-נער, וועלכע האבען נישט די מעגליכקייט ארויסצופאהרען אין די צייט פון די פעריען אויף אברוה, און דער בלימעל-טאג, וועלכער דארף געשטיצט ווערען פון דער יודישער בעפעלקערונג וועט געבען די מעגליכקייט זיי ארויסצושיקען אויף די ספעציעלע אומזיסטע זומער-קאלאניעס.

נישט = צושטאנד געקומען די וואהלען צום קהלה=פרעזידיום.

נעכטען זענען נאכאמאל פארגעקומען וואהלען צום פרעזידיום פון דער קהלה-פערוואלטונג.

פרעזעס גאלדשטיין עפענט די זיצונג און ערקלערט, אז אויפ'ן טאג-ארדנונג איז פערהאן נאר די פראגע פון וואהלען פון א פרעזעס און וויצע-פרעזעס פון דער פערוואלטונג.

דער פארשטעהער פון סטאראסטווא ה' ניעוויאדאמסקי גיט אנ'ערקלערונג, אז היות ווי עס זענען שוין 2 מאל נישט בעשטעטיגט געווארען די וואהלען דורכ'ן מיניסטעריום, קען ביים דריטען מאל, אז עס וועט ווייטער נישט בעשטעטיגט ווערען, קען קומען דערצו, אז עס וועט נאמינירט ווערען א פרעזעס, בעט ער דעריבער, אז מען זאל וועהלען די פערזאנען, וואס זענען צו דעם פעהיג.

פרעזעס גאלדשטיין אפאנירט די ווערטער פון סטאראסטא רעפערענט און ווייזט אויף, אז די פערוואלטונגס-מיטגלידער קאנען וועהלען איינמאל און נאכאמאל און זיי קענען זיך ווענדען צו דער אויפזיכטס-מאכט וועגען בעשטעטיגען.

לויט'ן פארשלאג פון ד"ר מעהרינג ווערט ערקלערט א הפסקה אויף 10 מינוט.

איידער מען טרעט צו צו די וואהלען גיט ד"ר מעהרינג אין נאמען פון די מזרחי און ציוניסטישע פראקציעס אנ'ערקלערונג, אז היות, ווי די איינציגע פערזאן, וועלכע קאן זיין פרעזעס איז ה' גאלדשטיין און אזוי ווי די מאכט האט איהם נישט בעשטעטיגט און זיי זעהען נישט וועמען אנצוטרויען צו פערוואלטען מיט'ן קהלה פערמעגען, וועלען די דאזיגע פראקציעס נישט נעמען קיין אנטייל אין די וואהלען.

ה' דזיאלאוויטש גיט אנ'ערקלערונג אין נאמען פון דער האנדווערקער-פראקציע, אז היות ווי זיי האבען געהאט א מיטגליד אין פרעזידיום און היינט קענען זיי עס נישט בעקומען, וועלען זיי שטימען מיט ווייסע צעטלען.

ה' וו. זשעריקער ערקלערט, אז לעולם וואלט ער רעאגירט אויף די רייד פון ה' מערינג, וואס ער וועט דאס טהון ביי א צווייטער געלעגענהייט, נאר וועגען פערטרויען דאס פערמעגען פון דער קהלה, איז שוין גראד יא פערהאן.

די וואהלען האבען געגעבען פאלגענדען רעזולטאט: ה' ראזענבערג בעקומט 5 שטימען, 3—ליידיגע צעטלען, 2 מזרחים און 2 ציונים שטימען נישט. אויף איין צעטיל איז אויפגעשריבען יעקב ראזענבערג און מ. פאגעל איז דער צעטיל אנערקענט געווארען פאר נישט-גילטיג.

אלס וויצע-פרעזעס בעקומט מ. פאגעל 4 שטימען, 3 ווייסע צעטלען און איין צעטיל פאר ווילהעלם זשעריקער.

ד"ר מערינג גיט אנ'ערקלערונג, אז זיי וועלען נישט מסכים זיין אויף דעם אויף דעם אויסוואהל, ווייל אין דער שפיץ פון דער קהלה איז אויסגעוועהלט געווארען א פערזאן, וועלכער האט נישט קיין געזעלשאפטליכע פערגאנגענהייט, איז נישט רעליגיעז און נישט נאציאנאל.

ה' ראזענבערג גיט דאן אנ'ערקלערונג, אז ער נעמט נישט אין אכט די ווערטער פון ה' מעהרינג, וועלכער זאל דאס זיין דער משגיח איבער דער יודישער רעליגיע, און נישט צוליעב זיין איינפלוס, נאר איבער דער געשאפענער לאגע, וואס ס'איז געפסל'ט געווארען א צעטיל, נעמט ער דעם מאנדאט נישט אן.

די וואהלען וועלען ווארשיינליך פארקומען נאכאמאל דעם צווייטען דאנערשטאג 6 א זייגער אווענד.

מיט דעם ווערט די זיצונג געשלאסען.

STARSZY FELCZER
SZ. MOSZKOWICZ
CZĘSTOCHOWA,
Senatorska 2, róg St. Rynku
נעמט אן קראנקע אין דעם לאקאל פון פערשטארבענעם ברודער מ. מאשקאוויטש.

וועגען שאפען א הילפס-קאמיטעט פאר ארימע אין אסטראוו.

חשוב'ער ה' רעדאקטאר!

דערלויבט מיר אין אייער וו' צייטונג אבצודריקען פאלגענדע שורות:

היות ווי יעדעס יאהר איז אין זומער-סעזאן אין אסטראוו דורך מיין איניציאטיוו און מיט דער מיטהילף פון עטליכע שטאדטישע בעלי-בתים געשאפען ווערען א קאמיטעט א. נ. „סאמאפאמאץ".

דער דאזיגער קאמיטעט האט יעדעס יאהר פיעל מיטגעהאלפען די צוגעפאהרענע ארימע קראנקע יודען.

אזוי ווי היי-יאהר וועל איך אבער ליידער נישט זיין אין אסטראוו בעט איך די יעניגע, וואס וואוינען דארט, אז זיי זאלען זיך ווייטער פערנעמען מיט דעם דאזיגען קאמיטעט כי למצוה גדולה יחשב לכם. ביי מיר זענען נאך פערהאן צו דעם צוועק געדריקטע ביכלעך. אויך קאן איך יעדען זונטאג ארויסקומען און מיט אלע מיינע קרעפטען קומען צו הילף.

מיט כבוד

ל. יאקובאוויטש.

פון ספארט.

פון יוד. טורן-און ספארט-פעראיין

ספארט-שפילען סעקציע.

די מענער מאנשאפטען, ערשטע און צווייטע, שפילען שבת אויפ'ן אייגענעם פלאץ פריינדשאפטס-מעטשען געגען „סאקול" (ראקוב) אין קארב-באל און זונטאג מיט „וויקטאריא" מייסטער-שאפטס-מעטשען אין נעץ און קארב-באל אין פארק 3-ער מאי.

די דאמען מאנשאפט טרעפט זיך מיט „וויקטאריא" זונטאג 6 אווענד אויפ'ן אייגענעם ספארט פלאץ אין לעצטען נעץ-באל מייסטערשאפטס-שפיל.

ליכטאטלעטישע סעקציע.

די לייכטאטלעטען גרייטען זיך שוין צו צום מעטש מיט „מכבי" פון קעניגס-הוטע, פאר וועלכען עס וועלען נאך פארקומען די פעראיינס-מייסטערשאפטען.

עס איז געגרינדעט געווארען א ספעציעלע לייכטאטלעטישע גרופע פאר יוניארען, אין וועלכער עס ווערען ווייטער אנגענומען איינשרייבונגען.

„Grand-Kino"
קאשטשושקי גאס.
לעצטער סעאנס 9.40 אוו.
קריזעסלא 1 זלאטי.

קינא און רעווי! — פון מארגען שבת — קינא און רעווי!
SWAWOLNE STUDENTKI
פילם פון סטודענטען-לעבען מיט BESSIE LOVE, CLIF EDWARDSE
אויף דער סצענע: א נייע רעווי מיט די בעסטע ווארש. ארטיסטען.

Teatr „ODEON"
אלעע 27.
לעצטער סעאנס 10 אווענד.
אויפ'ן 1 סעאנס קריזעסלא 80 גר

היינט אויפ'ן עקראן! דער גרעסטער און בעריהמטסטער וועלט-צירק
און די בעליבטסטע ארטיסטען-פאר זשאנעט גיינאר און טשארלז פארעל אין קלאנג-פילם
CZTERECH DJABŁÓW
אויף דער סצענע: לעצטע אויפטריטען פון ווארש. רעווי-ארטיסטען דירי. ש. וואלינסקי
הומאר! געלעכטער! קאנצערט! טענץ! לידלעך! גראטעסקעס!
צווישען אנדערע פאלולי-קינדער בעקאנטע פון ראדיא פענאמענאל-קאנצערטיסטען.

Redaktor: Izrael Płockier — Wydawcy: B. Bocian i I. Płockier — Druk. B. Bocian, Aleja 6